בס"ד / שנה ו' / פרשת כי תבא / נומער 327

# קעטל


**געלעבט 100 יאר בזכות דעם צדיק'ס ברכה**
גרשון קרעמער

**זיי מיר נישט מגלה ווען משיח קומט**
אהרן קליטניק

**עסן פאפקארן מיט די שלום בית'לאזע חברים**
משה ארי' שניצלער

**איך האב געוויסט**
ישראל דוד העסקעל


## כי תבוא לאומאן

### צוויי וואכן צום רבי'נ'ס ראש השנה אין אומאן

וואס קען מען אלץ פועל'ן ראש השנה ביים רבי'ן | ווער איז אלץ געהאלפן געווארן אום ראש השנה | נסיונות אין אומאן ראש השנה.
ראש השנה עולה על הכל

14



**שם הנדבן ארויפגעקריצט אויפן נייעם שטאק ביים בנין המוסדות**

**בס"ד**

כי תבא
תשפ"ו

**נומער**
**327**
שנה ו'

**04** עירנו
**06** היכל הקודש נייעס
**10** קוק אהער
**14** מעשה פון תפילה
**16** א ברויו פון ר"י
**18** א בליק אויף צוריק
**19** ראש השנה באומאן
**22** א מעשה פון א צדיק
**23** לעבנסגעשיכטע
**24** געדאנקען
**27** געשעענישן
**32** ברסלב'ע שחיטה



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב וויס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**

צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938

dominogrp.com

כדי אייך צו קענען צופרידנשטעלן ווי עס דארף צו זיין, ביטע ליינט דורך דעם קאלענדער מיט ישוב הדעת.

| זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | פרייטאג | שבת |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 30<br>נצבים | 31 | 1 | 2 | 3 | 4<br>**דעדליין**<br>צו באשטעלן<br>אייער ארדער<br>פאר דעליווערי<br>פאר ראש השנה | 5<br>נצבים |
| 6 | 7 | 8<br>**דעליווערי**<br>אייער<br>באשטעלטע<br>יו"ט ארדער | 9 | 10 | 11<br>ערב ראש השנה | 12<br>ראש השנה |
| 13<br>ראש השנה | 14<br>צום גדלי' | 15 | 16<br>**דעליווערי**<br>צוויי מאל אייער<br>וועכנטליכע<br>ארדער | 17<br>**דעליווערי**<br>צוויי מאל אייער<br>וועכנטליכע<br>ארדער | 18 | 19<br>האזינו - שובה |
| 20<br>ערב יום כיפור | 21<br>יום כיפור | 22 | 23<br>**דעליווערי**<br>צוויי מאל אייער<br>וועכנטליכע<br>ארדער | 24<br>**דעליווערי**<br>צוויי מאל אייער<br>וועכנטליכע<br>ארדער | 25<br>ערב סוכות | 26<br>סוכות |
| 27<br>סוכות | 28<br>סוכות | 29<br>סוכות | 30<br>**דעליווערי**<br>צוויי מאל אייער<br>וועכנטליכע<br>ארדער<br>סוכות | 1<br>**דעליווערי**<br>צוויי מאל אייער<br>וועכנטליכע<br>ארדער<br>סוכות | 2<br>סוכות | 3<br>שמיני עצרת |


# ארײַנטרעטנדיג אינעם חודש מיט
# ענדלאזע צאל פיש פארציעס,
# האנדלט זיך איין דאס בעסטע.
# אין טעם, פרישקייט און קוואליטעט.

DELICIOUS FISH

845.747.0093 / 261 N Main Street Liberty NY Located at the Lemonade Supermarket

# צידנו

## פאבליק הירינג פארן בנין המוסדות

געלויבט דעם אייבערשטן, נאך לאנגע חדשים פוןווארטן און מתפלל זיין אז עפעס זאל זיך שוין ריקן מיט די נייע תלמוד תורה אויף קראס פארם, האט מען ענדליך ערהאלטן פונעם DEC אז זיי האבן שוין מער נישט קיין קאמענטארן אויפן וואסער-אפפלויף פלאן.

דאס איז גאר גוטע נייעס, און עס קומט נאך לאנגע חדשים וואס זיי האבן ארומגעדרייט מיט פארשידענע תירוצים און געזוכט זיך ארויסצודרייען אויף אלע מיני וועגן פון דארפן אפפראווען דעם פלאן.

יעצט האבן זיי ענדליך געמאלדן אז מען קען שוין גיין ווייטער צום קומענדיגן שטאפל פון אראנזשירן א "פאבליק הירינג". דאס איז א מיטינג וואו מען דארף איינלאדענען אלע איינוואוינער פון ליבערטי בכלל, און בפרט די איינוואוינער וואס וואוינען אין א האלבע מייל פון אלע זייטן ארום די נייע תלמוד תורה.

די איינלאדונג ווערט דורכגעפירט דורך אויפהענגן צעטלעך אין אלע פאבליק פלעצער אין ליבערטי, ווי למשל אין די לייברערי, אויף לייט-פאולס, און להבדיל אין די בתי מדרשים וכדומה.

ווי אויך דארף מען שיקן א ספעציעלן בריוו צו יעדן איינוואוינער אינערהאלב די האלב מייל דורך "סערטיפייד מעיל", כדי זיי זאלן קומען מיטהאלטן די פאבליק הירינג.

ביים מיטינג וועט יעדער האבן די געלעגנהייט ארייינצוזאגן זיינע מיינונגען אויף דעם פראיעקט.

די דאטום פונעם פאבליק העירינג דארף ווערן באשטעטיגט דורכן DEC, און עס מוז זיין דווקא אין א טאג צווישן דינסטאג און דאנערשטאג, וויבאלד מאנטאג און פרייטאג זענען די אנהייב און ענדע פון די ארבעטס-וואך און עס איז שווערער פאר מענטשן צו קומען.

ווי אויך טאר עס נישט זיין אין א פאבליק חגא אדער א טאג פון סיי וועלכע פאבליק איווענט, כדי עס צו מאכן גרינגער פאר מענטשן צו קומען. ווי אויך דארף עס זיין דווקא אין א פאבליק פלאץ, און עס דארף זיין לכל הפחות צוויי וואכן נאך דעם טאג וואס עס ווערט באשטעטיגט.

ב"ה עס איז געלונגען צו באשטעטיגן דעם דאטום אויף סעפטעמבער 3 למספרם, 6 אזייגער נאכמיטאג, אין די טאון אף ליבערטי סיניאר סענטער".

ביי די העירינג וועט מען דארפן פארצייכענען ווער עס איז געקומען, און מען וועט דארפן ווייזן פאר אלע באטייליגטע דעם פונקטליכן פלאן פונעם פראיעקט: וויאזוי עס וועט זיין אויסגעשטעלט, וויפיל קינדער עס וועלן דארט זיין, די צייטן ווען מען וועט אנהייבן און ענדיגן טעגליך, און וויפיל באסעס עס וועלן דארט זיין.

ווי אויך וועט מען דארפן קלארשטעלן אז מיר האבן נאכנישט באקומען קיין ענדגילטיגע באשטעטיגונג (final approval) צו בויען, און עס וועט זיך ווענדן לויט די באמערקונגען פון די באטייליגטע; מען וועט דארפן ענטפערן אויף אלע שאלות פון די אנוועזנדע.

עס וועט זיך אויספעלן אז אידן זאלן קומען כדי צו ווייזן

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

## פרשת כי תבא
## ט"ח אלול

| | |
|---|---|
| הדלקת הנרות .. 07:20 | מנחה מעריב |
| מוצאי שבת ...... 09:28 | פרשת נצו"י 08:25 |

**באנים לשבת קודש**

**טוי באוט ווארטשאר**



3. ½ Mile Radius Outreach Map

**די מאפע פון די האלבע מייל ארום די שטח**

אז דער עולם שטיצט דעם פראיעקט. צוליב צניעות בעט די הנהלה אז נאר פרויען זאלן גיין, און כאטש עס איז א שווערע צייט ארויסצוגיין פון שטוב, וועט עס זיין א גרויסע הילף.

מען וועט עקסטער מפרסם זיין צו וועם מען זאל זיך מעלדן צו באשטעטיגן די אנטיילנעמונג, כדי מיר זאלן וויסן בערך וויפיל פרויען עס וועלן זיך באטייליגן.

נאכן הירינג דארף מען צונויפשטעלן א באריכט און עס ארייגשיקן פארן DEC, וועלכע וועלן דאס איבערקוקן.

מען בעט אנשי שלומינו זאלן מתפלל זיין אז די זאכן זאלן זיך שוין רוקן שנעל.

נאכן באקומען די באשטעטיגונג וועט מען דארפן גיין צום נעקסטן שטאפל פון באקומען אפפראוועל פאר די וואסער, אבער ביי יענעם שטאפל איז שוין דא א מעגליכקייט אנהייבן צו בויען דעם סייט, ווי למשל די פארקינג לאטס וכדומה.

עס קומט זיך א גרויסער יישר כח פארן חבר הנהלה מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו, וועלכער לייגט אריין איבערמידליכע כוחות אין דעם פראיעקט און איז ארום געגאנגען אויפהענגען אלע צעטלעך.

אויך קומט זיך א שכח פאר די בחורים וואס האבן ארויסגעהאלפן מיט'ן אנגרייטן די בריוו.

**נייעס'לעך**

# היכל הקודש נייעס




## רייזענדע אין אוקראינע ווען ערלויבט ווערן צו פארן טראץ די קורפיו

פריידיגע נייעס קומט אריין פאר די טויזנטער אידן וואס גרייטן זיך ארויסצופארן צום ציון הקדוש פונעם הייליגן רבי'ן אין אומאן אויף דעם קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט: אז די מיליטערישע אדמיניסטראציע אין דעם אדעסער ראיאן האט געמאלדן, אז מ'האט אראפגענומען געוויסע שטרענגע קורפיו באגרעניצונגען וואס זענען איינגעפירט געווארן צוליב די מלחמה.

די דאזיגע רעגולאציעס, וואס זענען שוין אין קראפט פאר עטליכע יאר, האבן שטארק פארשווערט פאר די פילע רייזענדע וואס קומען אן דורך די גרעניצן.

לויט די קורפיו געזעצן טאר מען זיך נישט געפינען אויף די גאסן אין פארשידענע געגנטער איבער אוקראינע אין געוויסע שעות ביינאכט.

די פונקטליכע צייטן ווענדן זיך לויט אין וועלכן "אבלאסט" (קאונטי) מען געפינט זיך, אבער ביז יעצט האט נישט אויסגעמאכט צי מען גייט צופוס, צי מען פארט אויף א לאקאלן וועג, אויפן הייוועי, אדער אפילו ביים גרעניץ זעלבסט.

זייער אסאך רייזענדע האבן געהאט גרויסע שוועריקייטן און עגמת נפש דערמיט; אויב מען האט זיך נאך לאנגע שעות פון רייזן געפונען אויפן הייוועי אין די שפעטע נאכט שעות, האט די פאליציי געקענט אפשטעלן די קאר און הייסן דעם דרייווער זיך ארויסציען אין די זייט אוןווארטן דארט ביז אינדערפרי, וואס האט גורם געווען געוואלדיגע עגמת נפש פאר די פילע נוסעים.

ברסלב'ע חסידים ווייסן דאך פון תפילה, מ'האט כסדר געבעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל קענען אנקומען גרינג קיין אומאן.

און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז עס איז אפיציעל באריכטעט געווארן אז דער מיליטערישער גאווערנאר פון אדעסא, האט געמאלדן אז אלע סארטן טראנספארטאציע מעגן פון היינט און ווייטער פארן אומגעשטערט איןביידע ריכטונגען, און מען וועט זיך מער נישט דארפן אפשטעלן אינמיטן די נאכט אויסצואווארטן ביז אינדערפרי.

דאס וועט הויפטזעכליך אויסמאכן אויפ'ן קיעוו-אדעסא הייוועי, די הייוועיס ארום אדעסא, און ביי די גרעניץ-פונקטן ווי פּאַלאַנקאַ, סטאראקאזאטשע, אָרליווקאַ און רעני, וואס זענען אלע ארייגערעכנט אינעם נייעם סדר.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דאס העלפן אין נאך א ריכטונג; אז דאס וועט אויך העלפן אז די גרעניצן זאלן נישט זיין אזוי אנגעלייגט און געשטופט, וויבאלד דער עולם וועט זיין מער אויסגעשפרייט איבער מערערע שעות.

### מי יתן לי אבר כיונה אעופה ציון הקדוש אומנה

גרשון קרעמער



## צו די שלשים פון הרה"ח ר' מנחם מענדל אינדיג ז"ל

דעם פארגאנגענעם חודש אב זענען פילע אנשי שלומינו געגאנגען מנחם אבל זיין הרה"ח ר' אברהם הערש אינדיג שליט"א, מחשובי מתפללי בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל, וועלכער איז געזעסן שבעה נאך זיין חשוב'ן פאטער הרה"ח ר' מנחם מענדל ב"ר דוב ז"ל, וואס איז נפטר געווארן ערב תשעה באב.

ר' אברהם הערש האט דערציילט א מורא'דיגע מעשה וואס מיר אלע קענען זיך אסאך לערנען דערפון. ר' מענדל אינדיג ז"ל האט געוואוינט אין די שטאט באניא, דארט וואו זיינע עלטערן האבן געוואוינט; ער האט דארט חתונה געהאט און איז אויך געווארן אן איידעם אין די זעלבע שטאט, באניא.

נאך די חתונה האט ער אנגעהויבן זוכן א שטעלע פאר פרנסה. מ'האט אים דעמאלט אנגעטראגן אז מ'זוכט א חזן אין די שטאט קארלסבורג - אינעם גרויסן שול אין קארלסבורג, דארט וואו דער "מראה יחזקאל" פלעגט דאווענען, האט מען געזוכט א בעל תפילה. ער איז אהינגעפארן זיך אויספרובירן, און זיין דאווענען האט זייער אויסגענומען ביי די עולם. זיי זענען טאקע געווען גרייט צו שליסן א קאנטראקט מיט אים ער זאל קומען דאווענען יעדן שבת מברכים אין קארלסבורג. אבער היות ער האט געוואוינט אין באניא, וואלט דאס באדייט אז ער וועט דארפן פעלן פון שטוב יעדע פיר וואכן.

ער איז אריין אל הקודש פנימה צו זיין רבי'ן און זיך דורכגערעדט די שאלה וואס ער זאל טוהן: צי זאל ער פארן און קומען יעדע פאר וואכן, און זיין אוועק פונדערהיים. האט דער רבי אים געזאגט: "דאס איז נישט קיין עסק. חלילה, א מאן דארף זיין אינדערהיים מיט זיין ווייב און די קינדער. אבער אז דו האסט דארט א שטעלע, איז כדאי דו זאלסט זיך אהינציען וואוינען."

ער איז אהיימגעקומען און עס איבערגעשמועסט מיט זיין אשת חיל. פאר איר איז עס געווען גאר שווער, היות אירע עלטערן האבן געוואוינט אין באניא, אבער זי איז געווען אן אשה כשרה העושה רצון בעלה. נאכ'ן אנפרעגן ביי ערליכע אידן, האבן זיי באשלאסן זיך אריבערצוציען קיין קארלסבורג. זיי האבן זיך טאקע אריבערגעצויגן, כאטש עס איז געווען גאר שווער.

קוים פיר וואכן שפעטער האט מען געהערט אז די דייטשן זענען אריינגעקומען אין באניא. ליידער איז נישט געבליבן קיין שריד ופליט פון די גאנצע שטאט, וואס איז געווען אן עיר ואם בישראל. זיי זענען ניצול געווארן בלויז בזכות דעם וואס זיי האבן געפאלגט ערליכע אידן, פאר'ן נישט איבערלאזן די שטוב, און פאר'ן גיין אינאיינעם מיט די משפחה און פאלגן די צדיקים.

אנשי שלומינו זענען ארויס גאר איבערגענומען הערנדיג דעם שיינעם סיפור. זיין זכות זאל אונז מגין זיין מיר זאלן קענען גיין אין זיינע וועגן, צו פאלגן ערליכע אידן און נישט פארלאזן די שטוב, און אזוי וועלן מיר זוכה זיין צו אלעס גוטס.

**תהא נשמתו צרורה בצרור החיים.**

$360

איך טו צו
די זאך

איך העלף דעם
רבינ'ס זאך

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

# אההיי

נאך א ספר
נאך א קונטרס
נאך א גליון
נאך א סידור



פונעם רבינ'ס לויט

$1800

איך ברעג פאר הפצה

$1000

לעצטע געלעגנהייט



# דעם רבינ'ס זאַך

איך קום צום רבי'ן
מיט פולע טאשן
איך בין עוסק אין:

רופט שוין: 347.578.4449

# קוק אהער

## איך האב געוויסט!

**א**ין א קליינטשיג שטעטעלע אין די אלטע היים קומט פאר א גרויסער יום טוב; מ'האט אויפגענומען א נייעם רב!

דער נייער רב וואס מ'האט אויפגענומען איז געווען אן עלטערער איד, א גרויסער תלמיד חכם און א ירא שמים. דאס גאנצע שטעטל האט זיך אנגעטון שבת'דיג און זיך געגרייט ארויסצוגיין מקבל פנים זיין דעם נייעם רב.

מ'הערט שוין די פערד גאלאפירן, און קינד און קייט לויפן אנטקעגן צו מקבל פנים זיין דעם נייעם רב. טאטעס הייבן אויף די קינדער אויף די אקסלען, צו קענען א בליק טון אויף דעם גרויסן צדיק. דער וואגן שפאנט גראד צום שול, די גאנצע שטעטל לויפט צו צום קבלת פנים; אנשים, נשים, וטף קומען אפגעבן דעם ריכטיגן כבוד התורה פארן רב. די שול איז באצירט מיט הערליכע פלאקאטן פון אלע זייטן ארויסצובררענגען דעם כבוד התורה.

דער רב קומט אריין אין שול, אלע בחורים שטופן זיך אויף די פארענטשעס, און יעדער קוועטשט זיך צו קענען זיין וואס נענטער. דער גאנצער עולם הייבט אן צו זינגען און פאטשן לכבוד דעם נייעם רב.

דער רב זעצט זיך אוועק אויף זיין פלאץ אויבן אן, פארנט פון אים ליגט א שיסל טרויבן. ער הייבט אויף די אויגן, און פון גרויס עניוות ווערט אים נישט גוט; ער דארף נישט דעם גאנצן געשטופעניש, און עס אינטערעסירן אים נישט די אלע טאנצן און געזאנגען - ער דערהייבט עס פשוט נישט. ביים זייט פונעם טיש באמערקט דער רב א חומש; ער נעמט שנעל דעם חומש און הייבט אן מעיין צו זיין דערין, כדי נישט צו דארפן נהנה זיין פון דעם גאנצן גרויסן כבוד.

אין א זייט איז געשטאנען אן עלטערער מענטש, אבער גאר א פארגרעבטער, א גרויסער פויער. מ'האט אים כמעט קיינמאל נישט געזען אין שול, ער האט אפילו קיין צורת האות נישט געקענט. ס'איז געווען א חידוש אים צו זען יעצט דא אין שול; וואס אינטערעסירט אים די גאנצע זאך פונעם נייעם רב? וואס האט עס מיט אים?

ווי נאר דער רב נעמט אפיר דעם חומש מעיין צו זיין, זעט מען ווי דער פויער געבט א מאך אוועק מיט די הענט דעם רב, ער רופט זיך אן הויך: "איך האב געוויסט!" און ער שפאנט ארויס פון שול.

זיין מאדנע אויפפירונג האט געהויבן ברעמען ביי מאנכע אין די קהילה. מענטשן האבן אנגעהויבן צו שישקענען אז אפשר איז דער פויער גאר א ל"ו צדיק... אפשר איז ער א באהאלטענער בעל מקובל, אפשר קען ער ליינען די שטערן פונעם נייעם רב און ער זעט דארט נישט קיין גוטע זאכן... ווער ווייסט?!

אזוי האבן די קלאנגען שנעל אנגעהויבן צירקולירן איבער דעם מאדנעם געשעעניש פונעם פויער, ביז די ראשי קהילה האבן מחליט געווען אז זיי מוזן דערגיין וואס דא גייט פאר און וואס דאס האט געמיינט.

## דאס און יענץ
## מיט א טיפערע
## אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



זיי זענען געגאנגען אינאיינעם ביזן עק שטאט, דארט טרעפן זיי דעם פויער נאכלויפן זיינע ציגן מיט זיין פארגרעבטער שפראך. די ראשי קהילה פרעגן אים: "אפשר קענען מיר כאפן א ווארט מיט אייך?"

"מיט מיר? אוודאי! מיט וואס קען איך אייך העלפן?"

די ראשי הקהילה הייבן אן צו שטאמלען: "קוק אהער, דו ווייסט דאך, נעכטן איז דא פארגעקומען די הכתרה פון דעם נייעם רב, און עטליכע מענטשן האבן באמערקט ווי דו גיבסט אזא מאך אוועק מיט די האנט און רופסט אויס הויך: 'איך האב געוויסט!' וואס האט דאס באדייט?"

"אה, דאס? לאמיך אייך פארציילן...

איך מיט דעם נייעם רב זענען ביידע פונקט די זעלבע יארגאנג, און מיר זענען אויפגעוואקסן אינעם זעלבן שטעטל.

מיר זענען ביידע היינט אכט און זעכציג יאר אלט. פונקט מיט פינף און זעכציג יאר צוריק איז געווען אונזער חלאקע; מ'האט אונז געמאכט פיאות און געפירט אין חדר אריין.

אנקומענדיג אין חדר, האט מיך דער מלמד גענומען אויף זיין שויס, מיר געוויזן דעם א' און געזאגט: 'זאג נאך מיר: אלף'.

די זאך איז אבער, אז מיין טאטע איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, ער האט אייביג געלערנט און איז געווען פון די חשובע תלמידי חכמים אין שטאט. יעדע נאכט פלעג איך הערן מיין טאטע קרעכצן: 'וואס וועט זיין מיט מיר? איך לערן גארנישט, איך האב נאך גארנישט געלערנט, וואס וועט דא זיין מיט מיר?' אזוי פלעג איך הערן מיין טאטע קרעכצן יעדע נאכט.

אזוי אויך איז מיין זיידע געווען א גרויסער תלמיד חכם און א גאון, און יעדעס מאל ווען איך פלעג זיין ביי אים, פלעגט ער אלס אזוי קרעכצן: 'איך לערן גארנישט, די יארן גייען מיר פארביי אזוי ליידיג, די תורה איז דאך אזוי גרויס...'"

דאן, זיצנדיג אויפן מלמד'ס שויס, זאגט מיר דער מלמד איך זאל נאך זאגן "אלף". האב איך גראד געוויסט אז דאס גייט זיך נישט ענדיגן ביי אלף; דערנאך גייט קומען בית און גימל, און ווען מ'וועט פערטיג ווערן מיט דעם, גייט מען מיר זאגן נאך "קמץ" און דערנאך נאך "צירי". און אויב וואלט דאס געווען די גאנצע, וואלט שוין נישט געווען געפערליך, נאר איך האב גאנץ גוט געוויסט אז באלד גייט מען ארויף א כיתה, און דערנאך וועט מען מיר זאגן נאר איין פסוק חומש.

א יאר שפעטער וועט מען שוין מאנען ביי מיר אויך רש"י, א יאר שפעטער גייט מען מיר זאגן נאר משניות, און דערנאך נאר גמרא.

איך האב שוין דעמאלט פארשטאנען אז די זאך ענדיגט זיך נישט דא. וואס האב איך אנהייבן? איך האב דאן מחליט געווען אז מיר וועט מען נישט פארפירן; איך בין נישט קהל'ס נער, איך גיי נישט פאלן פאר דעם!

איך האב דאן אראפגעלייגט א פוס - זאל זיך דער מלמד איבערקערן אויפן קאפ - איך זאג נישט ארויס דעם אלף, זאל זיין וואס זאל זיין!

אזוי בין איך טאקע אויפגעוואקסן, איך קען אפילו נישט קיין צורת האות. מיר וועט מען נישט פארנארן; אויב קיינער ענדיגט עס נישט, גיי איך עס בכלל נישט אנהייבן.

אייער נייער רב איז אבער געקומען פון א גאר פשוט'ער שטוב. ער האט גארנישט געוויסט וואס עס ווארט אים אפ; דער מלמד זאגט אים "זאג אלף", און ער, נעבעך, האט נאכגעזאגט דעם אלף, און אזוי ווייטער דעם בית. א יאר דערויף האט מען אים טאקע געגעבן א ווארף ארויף די נקודות, שפעטער איז שוין געקומען חומש, דערנאך רש"י – בקיצור, א שפיל וואס ענדיגט זיך נישט!

יעצט, אז איך האב געהערט אז ער קומט דא ווערן רב, האב איך געוואלט זען אויב ער האט שוין געענדיגט אדער אויב ער לערנט נאך.

אזוי קוקנדיג ביי די קבלת פנים, בשעת דער עולם האט זיך געשטופט, האב איך געזען ווי ער נעמט א חומש און ער לערנט. האב איך זיך געפרייט אז איך האב געוויסט! איך האב געוויסט אז דאס גאנצע "אלף זאגן" איז א שפיל וואס ס'ענדיגט זיך נישט...

***

## אזוי בין איך טאקע אויפגעוואקסן, איך קען אפילו נישט קיין צורת האות. מיר וועט מען נישט פאר'נער'ן; אויב קיינער ענדיגט עס נישט, גיי איך עס בכלל נישט אנהייבן.

דו נעמסט חיזוק פון ברסלב? געב זיך אכטונג, ווייל ס'ענדיגט זיך נישט דארט...

נאכדעם קומט שלום בית, נאכדעם וועט מען דיר מאכן זאגן משניות מיט גמרא, דערנאך וועט מען דיך מאכן רעדן צום אייבערשטן, און די זאך ענדיגט זיך נישט ביז דו ווערסט נאך צום סוף פארן קיין אומאן!

יא, ס'דא מענטשן וואס טראכטן אזוי מיט אן אמת. ווען איינער ווערט מקורב צום רבין, קומען זיי צו לויפן מיט א יד הקטנה און געבן שנעל א מאך אוועק מיט די האנט און זאגן אן: "זאלסט וויסן אז ס'ענדיגט זיך נישט דא..."

ווער ס'האט שכל, קוקט נישט אויף קיינעם און טוט וואס ס'איז גוט פאר אים; ער לויפט צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה. פונעם פענסטער פונעם עראפלאן קענסטו אראפקוקן און זען דעם נאר ווי ער מאכט מיט די פינגער: "איך האב געוויסט! די זאך ענדיגט זיך נישט דא, ער וועט נאך פארן קיין אומאן!!!"

אהההה, א מחיה! אז מען קוקט נישט אויף קיינעם און אויף גארנישט, מ'לאכט זיך גוט אויס פון אלע ארומיגע. איך טו וואס איז גוט פאר מיר, איך פאר צום גרעסטן לויער אויפן יום הדין. איך פאר צום רבי'ן וואס געבט מיר א תיקון, וואס פארעט זיך מיט מיין נשמה און גייט מיך ארויסשלעפן פון די טיפסטע בלאטעס.

זאל די גאנצע וועלט מיר ווייזן מיט די הענט "איך האב געוויסט"... איך לאך זיך אויס פון יעדן איינעם. איך נעם קעיר פון מיר, איך פאק א רענצל און איך לויף צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



# קלאסיפייד


Masters of drip

loop

PLUMBING

917. 202. 1206


## צו פארדינגען פאר שמחת תורה

א גרויסע 4 בעדרום דירה צו פארדינגען פאר שמחת תורה.
אנטהאלט א שיינע גרויסע קאך, דיינונג רום, פלעי רום.

**רופט**

**347–563–0545**

## שלא לדבר בעת התפילה

דער גליקליכער געווינער ביי די גודל אויפן מקבל זיין נישט צו רעדן ביים דאווענען אויף א טיקעט צו אומאן ר"ה איז דער חשובער מנהל מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א.

ויחולו עליו כל הברכות

## Phone services

We offer quality phone sales and expert repair services!
We also specialize in camera repairs.

**רופט יודל פעלדמאן**

**845–538–1114**

## גמ"ח לילדים ובחורים היכל הקודש ברסלב

מיד ווילן מודיע זיין פאר אנשי שלומינו, אז בפקודת הראש ישיבה שליט"א, האבן מיד א גמ"ח וואו די חשוב'ע קינדער קענען אוועקלייגן, מיט די רשות פון זייערע עלטערן, זייער חנוכה געלט, פורים געלט, טאשן געלט. די געלט וועט מען קענען צוריק ארויסנעמען נאך די חתונה בשעה טובה ומצלחת. מען קען אריינלייגן נאר קעש, נישט טשעק'ס, א.ד.ג. אדער מטבעות.

ספענדט נישט קיין געלט אויף נארישקייטן!

געדענקט! דער זעלבער רבי וואס האט אזוי פאר'מיאוס'ט געלט, האט אויך געווארנט און געזאגט: מען דארף אויף געלט זייער אכטונג געבן.

הנהלת הגמ"ח

**יחזקאל סאמעט 347–452–1936**

## ב"ה מעשה'לעך 5 אנגעקומען!



פון די
'מעשה'לעך
פאר קינדערלעך'
סעריע
אריינצוברענגען די
הייליגע ריינע אמונה
און יראת שמים
און די קינדער

קאלערינג ביכל



און נאך וואס וועט ארויסקומען בקרוב בעז"ה

צו באקומען פאר הפצה
אדער פאר א יחיד
רופט שוין אריין קרן הדפסה
**718.387.2691**

## און עד אין בלעטל ברענגט רעזולטאטן

845-379-1161
ads@bletelmagazine.com

# מעשיות פון תפילה



**ישראל דוד ברוקמאן** | בני ברק

בערך ארום פסח צייט האב איך זיך דערמאנט אז דאס יאר גייט לכאורה נאכאמאל פארקומען די "אנשי חיל" קאמפיין.

איך האב ביי מיר געטראכט אז דאס יאר וויל איך טון עפעס וואס אפילו איך אליין גלייב נישט אז איך בין מסוגל צו באווייזן: איך וויל דאפלען מיין ציל פון פאריאר, וואס איז געווען 5,000 ש"ח, און אויפטרייבן צוויי מאל אזויפיל.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טאקע קענען אנקומען צו מיין ציל, און זייט דעמאלטס, יעדעס מאל וואס איך האב זיך דערמאנט פונעם קאמפיין, האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל מצליח זיין צו דערגרייכן מיין ציל.

למעשה, ווען דער קאמפיין האט זיך געענדיגט ליל שישי פרשת ראה, האב איך נאך געהאלטן ביי וויניגער ווי האלב פונעם ציל...

אבער איך האב נישט אויפגעגעבן; איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נאך קענען אנקומען צום ציל, און איך האב מיר פארגענומען אז אויב איך וועל עס טאקע דערגרייכן, וועל איך עס מפרסם זיין אינעם 'בלעטל'.

היינט האלטן מיר מיטוואך פרשת כי תצא, און ברוך השם, שכח אייבערשטער, איך האב דערגרייכט מיין ציל.

דא אין ארץ הקודש לויפט א פראיעקט וואס הייסט 'שיננא'. זיי געבן ארויס א הערליך-שיינעם און שיין ספר פארן 'טעגליכן רמב"ם' סדר [וואס אנשי שלומינו לערנען אין זייערע טעגליכע שיעורים]. זיי טיילן די ספרים אויס בחנם אין די בתי מדרשים יעדעס מאל ווען מ'הייבט אן לערנען א נייע ספר.

למשל, ביים אנהייב פון דעם יעצטיגן מחזור, וואס האט זיך אנגעפאנגען דעם פארגאנגענעם חודש שבט, האבן זיי ארויסגעגעבן א באנד אויף ספר המדע און ספר אהבה און עס צעטיילט בחנם אין די שולן; איך האב טאקע דעמאלטס אויך באקומען איינס. ארום חודש סיון איז ארויס נאך א באנד אויף 'ספר הזמנים', אבער וויפיל איך האב נאר פרובירט עס צו זוכן, האב איך עס נישט געקענט שאפן.

איך האב אסאך מאל געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס קענען באקומען, ווייל איך וויל האבן דעם גאנצן סעט רמב"ם ביזן סוף מחזור.

בערך צוויי וואכן צוריק שפאציר איך אריין אין א שול נעבן מיין הויז, און איך זע פלוצלינג ווי מ'האט דארט אויסגעלייגט די ספרים פארן עולם זיך צו נעמען.

שכח אייבערשטער.

**אייזיק הכהן קאהן** | קרית ברסלב

פאר א לאנגע צייט פלעג איך צאלן די מארטגעדזש אויף מיין דירה נאכ'ן דאטום, וואס דעמאלט דארף מען שוין צאלן א קנס (late fee). ברוך השם אז איך האב געהאט די געלט עס צו צאלן פאר די דרייסיג טעג זענען אריבער, וואס דעמאלט וואלט עס שוין אפעקטירט מיין קרעדיט (די נאמען), אבער למעשה פלעג איך צאלן א לעיט פי, וואס דאס איז אויך נישט גוט.

אזוי איז עס אנגעגאנגען א לאנגע צייט. איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען באווייזן צו צאלן פריער, כדי נישט צו דארפן באצאלן איבעריגע געלטער.

שכח אייבערשטער אז די לעצטע פאר חדשים צאל איך שוין אין צייט, אזוי דארף איך נישט באצאלן קיין איבעריגע געלטער און די געלט גייט נישט אין מיסט.

שכח אייבערשטער.



ALPHAITIS.COM
קרן הבנין
די חלום איז שוין
כמעט פאראיבער
די לעצטע
קלאסן
ווערן יעצט
פארענדיגט
געציילטע
זכותים
פארבליבן!!!
קרן הבנין
מגבית
הרחבת
גבולי קדושה
לעצטע געלעגנהייט
נמכר
קומת הכנה לישי $54,00
זכות חלונות בכיתה $18,000
זכות חלון - $12,000
אזוי אויך איז געבליבן געציילטע זכותים צו קויפן אויף די אינטערשטע שטאקן. **כאפט מציאות!**
לעצטע זכותים
האנדלט אייך איין א זכות לנצח נצחים! רופט שוין די געטרייע גבאי קרן הבנין:
מו"ה **שבתי מארקוס** הי"ו
347.735.9688
מו"ה **אשר בער אינדארסקי** הי"ו
347.997.2348

# נִסְיוֹנוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן




## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים אוּן אִיךְ בֶּעט אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

מַיין יֵצֶר הָרַע אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, וִויפִיל מָאל אִיךְ זָאג צוּ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוֹיל, פַאל אִיךְ וַוייטֶער צוּרִיק אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִיצְלָן, אָבֶּער אִין דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי יָאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ אָנְצוּכַאפְּן אִינֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, נָאר מִיט דֶעם קֶען אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל מְחַזֵּק זַיין.

יֶעצְט וֶוען מְ'דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף אוּמַאן, מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אוֹיךְ דָארְט וֶועט זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מִיר דֶער יֵצֶר הָרַע, אוּן אִיךְ וֶועל נָאר זוּכְן וואוּ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִיצְלָן. אוּן אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל פָארְן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אוּן צוּרִיק קוּמֶען גְלַייךְ נָאךְ יוֹם טוֹב, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט צִי דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

וִויל אִיךְ וִויסְן צִי אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט נָאר פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

א בריוו
פון דער
ראש ישיבה

**עצתו אמונה כי תבא תשע"ט**

# תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין פְּרַאגֶע? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה! וֶועט דִיר דֶער רֶבִּי מְתַקֵּן זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "**שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן**". רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר, "**אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת**".

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף נָאר; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רֶעכֶענֶען אוֹיס גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס הָאט אַלְץ פַּאסִירְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יא.) רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען דִי אִמָּהוֹת - שָׂרָה אִמֵּנוּ, רָחֵל אִמֵּנוּ אוּן חַנָּה נִפְקָד גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, אִיז דָאס אַ צַייט פַאר אוּנְז אַלֶע אוֹיס צוּ פּוֹעֶל'ן קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן צוּ שֶׁעפְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

חַנָּה - דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאר וַוייל זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל-א א, יב): "**וְהָיָה כִּי הִרְבְּתָה לְהִתְפַּלֵּל לִפְנֵי ה'**", חַנָּה הָאט אַסַאךְ גֶעדַאוְונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קִינְדֶער בִּיז זִי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דוּרְכְ'ן דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז יוֹסֵף הַצַדִיק אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה; אִיז דָאס אַ צַייט וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע תְּפִיסָה, פוּן דִי הֶענְט פוּן דִי קְלִפּוֹת וָואס וַוארְפְן אִים אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַדִיק אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין תְּפִיסָה.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט דִי אַרְבֶּעט פַאר דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם; דֶערְפַאר קֶען מֶען פּוֹעֶל'ן פַּרְנָסָה בְּנָקֵל, מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער, אַזוֹי וִוי דִי שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

קוּם קַיין אוּמַאן, דָארְט בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן וֶועסְטוּ פּוֹעֶל'ן דַיין שִׁידוּךְ; דָארְט בַּיים צִיוּן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה אוּן תִּיקוּן הַמַּעֲשִׂים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

# א בליק צוריק

טרעף צו וואס, ווען, וואו, און ווער איז דער בילד:





### בילד פון פאריגע וואך:

מוהרא"ש זי"ע ביים געבן א דרשה אין אומאן פארן אהיימפארן אין די ס' יארן.

# קורצע שטריכן ארויסגענומען פון ספר הקדוש
# "אשר בנחל אידיש"
# אין בעפארגרייטונג צו ראש השנה הבעל"ט

## די גאנצע וועלט איז תלוי אין מיין ראש השנה:

עֶס הָאט מִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט אַז דוּ וֶועסְט אוֹיךְ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, ווָאוּיל אִיז דִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ה) **דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִין.** דֶעמָאלְטְס מִשְׁפָּט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

אשר בנחל מכתב כ'

## דער צדיק רייסט איין פאר כלל ישראל:

דֶער צַדִיק אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן רַייסְט אַיין וֶועלְטְן פַאר כְּלַל נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר אִיז מְבַטֵל אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּן שְׁוֶוערֶע דִינִים, אִיבֶּער דֶעם ווָאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּם צַדִיק אוּן בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים אוּן טוּט דָארְטְן תְּשׁוּבָה, אוּן גִיסְט טַייכְן טְרֶערְן, אוּן זָאגְט **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער צוּ דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב זי"ע וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אָט בִּין אִיךְ דָא בַּיי אִים, אִיךְ הָאבּ צֶעבְּרָאכְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת אוּן צוּרִיקְהַאלְטוּנְגֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ בִּין דָא, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אוּן שְׁרַייבּ מִיר אָן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְט אוּן פַּרְנָסָה אוּן נַחַת, אוּן בַּאהִיט זָאל אִיךְ וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְן.**

אשר בנחל מכתב כ'

## נעמען א גוטער לויער פאר'ן יום הדין:

מֶען זֶעט אוֹיבּ סְ'אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ טוֹיט שְׁטְרָאף, וָואס טוּט עֶר נִישְׁט אַז מֶען זָאל אִים פְרֵיי לָאזְן? עֶר זוּכְט דֶעם בֶּעסְטְן לוֹיעֶר, עֶר גֵייט צוּם גְרֶעסְטְן שׁוֹפֵט, אַבִּי מֶען זָאל אִים שֶׁענְקֶען דֶעם לֶעבְּן, אוּן דָא קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אַזַא גְרוֹיסֶע לֶעכְטִיגֶער צַדִיק הָאט צוּגֶעזָאגְט **'גָאר מֵיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה', 'אוּן אִיךְ וִויל אַז אַלֶע זָאלְט עֶטְץ זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה' אוּן 'אִיךְ וֶועל זִיךְ לֵייגְן אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט עֶנְק אַ טוֹבָה צוּ טוּן', אוּן דַיְיקָא צוּ אַזַא צַדִיק שְׁטֶערְסְטוּ דַיין מַאן פוּן צוּ פָארְן, אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין!**

אִיבֶּער דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מַאכְטְס שָׁלוֹם אוּן הֶעלְף אַרוֹיס דַיין מַאן עֶר זָאל קֶענֶען פָארְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר וֶועט פּוֹעֶלְן פַאר דִיר אוּן פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ יָאר פוּן פַּרְנָסָה אוּן פוּן שֶׁפַע אוּן פוּן גֶעזוּנְט אוּן נַחַת אוּן סְ'וֶועט עֶנְק גָארְנִישְׁט פֶעלְן. דַארְפְסְט אַ הוֹיז? וֶועט מֶען בֶּעטְן בַּיי דֶעם צַדִיק; דַארְפְסְט נָאךְ זַאכְן? וֶועסְטוּ בֶּעטְן בַּיי דֶעם צַדִיק.

**פַּאק אַיין אַ שֵׁיין פֶּעקְל פַאר דַיין מַאן, אוּן שִׁיק אִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, וֶועט עֶטְץ בֵּיידֶע גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר אוּן מִיט אַ גְלִיקְלִיךְ יָאר אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן.**

אשר בנחל מכתב כ"ז

## ווער עס קומט צום רבי'ן ראש השנה וועט אים זיין גוט א גאנץ יאר:

לֵיידֶער זֶעעֶן מִיר וָואסְפַאַרַא אוּמְגְלִיקְן פַּאסִירְט יֶעדְן טָאג לֹא עָלֵינוּ, וִויפִיל יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְכַאפְּט אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, וִויפִיל קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט? וִויפִיל עֶקְסִידֶענְטְן פַּאסִירְן? וִויפִיל פֵייעֶרְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְבְּרֶענֶען אַלֶעס? וִויפִיל מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אָן דָאס גֶעלְט אִין אֵיין נַאכְט אוּן וֶוערְן אָרִים? אוּן וִויפִיל צָרוֹת אִיז דָא? אוּן דָא שְׁטֵייט אַ רֶבִּי אוּן שְׁרַייט פַאר זַיינֶע חֲסִידִים אוּן תַּלְמִידִים אוּן פַאר יֶעדְן אִיד: **"קוּם צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אַייךְ גוּט זַיין אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר!"**, דָאס וַוייבּ דַארְף דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר מַאן אִיז גֶעפָארְן צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מְקַיֵּים זַיין דֶעם רָצוֹן פוּן צַדִיק!

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה גֶע'מִשְׁפָּט צוּ וֶוערְן פַאר

<<<<

אַ גְרוֹיסְן שׁוֹפֵט, דֶעמָאלְטְס נֶעמְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, וָוארוּם מֶען גֵייט אִים פַארְמִשְׁפָּטְן אוֹיף טוֹיט חַס וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְטְס פַארְקוֹיפְט דִי וַוייבּ אַלֶעס וָואס זִי הָאט, אַבִּי אַז אִיר גֶעטְרֵייעֶ מַאן זָאל הָאבְּן גֶעלְט פַאר אַ גְרוֹיסְן לוֹיעֶר וָואס זָאל אִים קֶענֶען פַארְטֵיידִיגְן.

אָדֶער וֶוען אַ דָאקְטֶער הָאט עֶרְפִינְדְן דֶעם בִּיטֶערֶע מַחְלָה בַּיי אֵיינֶעם לֹא עָלֵינוּ, וָואס טוּט עֶר נִישְׁט צוּ גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער אִין דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים קֶענֶען הֵיילְן? עֶר קַארְגְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, דָאס גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ טְרַייבְּט אִים: "פָאר צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, אַבִּי דִי זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה מַיין גֶעטְרֵייעֶ מַאן!" אוּן דָא אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס מֶען אִיז דַן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן מַאן, וַוייבּ, קִינְדֶער; אוּן דֶער מַאן הָאט בַּאשְׁלָאסְן עֶר פָארְט צוּ אַזַא גְרוֹיסְן אוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר, פַארְטֵיידִיגְט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר קוּמְט צוּ אִים עֶר זָאל הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים, **עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער וָואס עֶר הֵיילְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶר פּוֹעֶל'ט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן אַ גַאנְץ יָאר.**

אשר בנחל מכתב כ"ז

## פארוואס דאגה'נען אויב דו ביסט געווען אין אומאן:

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ בַּאקְלָאגְן אַז דוּ הָאסְט דַאֲגוֹת, נָאכְדֶעם וָואס מִיר הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט "וָואס הָאט אִיר צוּ זָארְגְן אַז אִיךְ גֵיי פַאר אַייךְ", אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט **"וֶוער עֶס אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף עֶר גָארְנִישְׁט זָארְגְן נָאר אַ גַאנְץ יָאר זַיין פְּרֵיילִיךְ מִיט דֶעם"** אִיז וִוי קוּמְט דָאס אַז דוּ בִּיסְט מִיט דַאֲגוֹת?

אשר בנחל מכתב רס"ד

## דער הייליגער רבי איז מתקן מענטשן וואס האבן א גאנץ יאר נישט קיין תיקון:

אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם, וָוארוּם דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט קֶען עֶר פַארְרֶעכְטְן אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי גֶעפַאלְן וָואס אַ גַאנְץ יָאר אִיז אִים שְׁוֶוער זֵיי מְתַקֵן זַיין, אָבֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר אַלֶעם מְתַקֵן זַיין, וּבִפְרַט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִין מֶען מִשְׁפָּט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען מוּז הָאבְּן בַּיי אַ מִשְׁפָּט אַ גְרוֹיסְן לוֹיעֶר, אַ אַדְוָואקַאט, אִיבֶּערְדֶעם **זֶעה צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה,** אוּן דוּ וֶועסְטוּ זִיךְ אוֹיסְפּוֹעֶלְ'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר פַאר דִיר אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

אשר בנחל מכתב רפ"א

## די גאנצע וועלט דארף זיין ביי מיר אויף ראש השנה:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אֲפִילוּ נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת, אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר פּוֹעֶלְ'ן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס אַ גַאנְץ יָאר אִיז שְׁוֶוער צוּ פּוֹעֶלְ'ן נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לֵיידֶער פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן אִיז מוֹנֵעַ מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֵוייסְט גַאנְץ גוּט וָואס עֶס וֶוערְט פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיבֶּערְדֶעם טוּט עֶר אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי תַּחְבּוּלוֹת, קוֹדֶם אִיז דָאס וַוייבּ אַ גְרוֹיסֶע מְנִיעָה, זִי שְׁטֶערְט דִי מַאן פוּן קוּמֶען מִיט אַלֶע מִינֵי אוֹיסְרֵייד, אוּן נָאכְדֶעם אִיז דֶער מְנִיעָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מְנִיעַת הַמוֹחַ, וָוארוּם עֶס קוּמֶען דָארְטְן צוּזַאם מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע עֶרְלֵיי פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶס פַאלְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ חַלִישׁוּת הַדַעַת, הַזֹאת נָעֳמִי? אַזוֹי דַארְף מֶען אוֹיסְזֶעהְן? וָוארוּם עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אַסַאךְ קַשְׁיוֹת.

אָבֶער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן? מַיין הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) **גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶס אִיז אַ פֶּלֶא בַּיי מִיר אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי גְלֵייבְּן אִין מִיר פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְּרֵייעֶן מִיט דֶעם אַ גַאנְץ יָאר,**

וִוידֶערְאוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם סִימָן ת"ה) **מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דָאס מִיר גֶעגֶעבְן אַ מַתָּנָה, לֹא מִיבָּעִיא עֶטְץ אַלֶע דַארְפְט עֶטְץ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דַארְף זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

אשר בנחל מכתב ש"ה

<<<<

## מען זעט אפענע מופתים ביים ציון:

**עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס אַלֶע וָואס זֶענֶען נָאר אֵיינְמָאל גֶעוֶוען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבֶ'ר חֲסִידִים, ווִילְן זֵיי שׁוֹין פָארְן יֶעדֶעס יָאר,** וָוארוּם דָאס חַיּוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט וָואס מֶען שְׁפִּירְט דָארְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ. וּבִפְרַט דָאס אָן אַ שִׁיעוּר יוּנְגֶעלַייט דֶערְצֵיילְן אָפֶענֶע מוֹפְתִים וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי, יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶעבְרָאכְטְן גֶעוָוארְן דֶעם יָאר, וָוארוּם זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְטְן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז זֵיי דַארְפְן הָאבְּן קִינְדֶער.

אַזוֹי אוֹיכֶעט אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה אוּן הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שְׁטֶעלֶע פוּן פַּרְנָסָה, ווִיפֶער זֵיי זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן הָאט מֶען זֵיי שׁוֹין אָנְגֶעטְרָאגְן אַ גוּטֶע שְׁטֶעלֶע פוּן פַּרְנָסָה.

**אוֹיךְ זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט וואוּנְדֶערְלִיכֶע מוֹפְתִים** וָואס דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אָפְּגֶעזָאגְט לֹא עָלֵינוּ לֶעבְּן פוּן אַ וַוייבּ אָדֶער פוּן קִינְדֶער, אוּן דָארְטְן הָאט מֶען גֶעפּוֹעֶלְ'ט רְפוּאוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, אוּן דָאס אִיז נִישְׁט סְתַּם מַעֲשִׂיּוֹת, דָאס קֶען מֶען פְרֶעגְן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען דָארְטְן גֶעוֶוען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבֶּעטְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט.

אשר בנחל מכתב שי"ז

## א פרוי זאל טרייבן איר מאן מיט א שטעקן קיין אומאן:

אִיךְ הָאף אַז יֶעדֶע פְרוֹי וָואס זִי דַארְף הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה, נָאכְ'ן אִיבֶּערְלֵיינֶען דֶעם קוּנְטְרֵס **"רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִּיקִים"** וֶועט זִי טְרַייבְּן אִיר מַאן מִיט אַ שְׁטֶעקְן זָאלְסְט אָנְבַּאדִינְגְט פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן בְּרֶסְלֶבֶ'ן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן צִיּוּן אַ גַאנְצְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְסְטוּ דָארְטְן זִיצְן אוּן בֶּעטְן אוּן אוֹיסְפּוֹעֶלְ'ן פַאר אוּנְז אַ גְרוֹיסְן יְשׁוּעָה, גֶעזוּנְט פַּרְנָסָה נַחַת אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אשר בנחל מכתב שי"ז

## אומאן איז ווי א שפיטאל:

אַזוֹי ווִי מֶען קוּמְט אִין אַ שְׁפִּיטָאל, אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּהְן מִיט דִי נִירְן, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, אוּן

דֶער דָאקְטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט זַיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁטֵיינֶער פוּן דִי נִירְן, עֶר קוּמְט אִין שְׁפִּיטָאל, זֶעהְט עֶר, דֶער אִיז בַּאנְדֶעזְשִׁירְט דִי קָאפּ דֶער אִיז בַּאנְדֶערְזְשִׁירְט דִי אוֹיגְן, דֶער אִיז בַּאנְדֶערְזְשִׁירְט דִי הַאנְט, דֶער אִיז דִי פִּיס, דֶער הָאט אִינְטֶערְוִוינֶעס אִין דִי הַאנְט, דֶעם גֶעבְּט מֶען בְּלוּט טְרֶענְסְפְּיָאזְשֶׁען.

טְרַאכְט עֶר וָואס הָאבּ אִיךְ דָא צוּ זוּכְן? אִיךְ הָאבּ דָא נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּקוּמֶען, גֶעבּ אַ קוּק וָואס דָא זֶעהְט זִיךְ אוֹיס, חַס וְשָׁלוֹם אַ מְשׁוּגֶען הוֹיז, גֵייט עֶר אַוֶועק, אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה ווִי עֶר? דוּ דַארְפְּסְט זִיךְ דָאךְ קוּמֶען הֵיילְן דַיינֶע נִירְן, אֵיי דִי זֶעהְסְט דָארְטְן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי קְרַאנְקֶע, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר צוּטוּהְן, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ הֵיילְן זַיין מַחֲלָה.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, **אַוַודַאי זֶעהְט מֶען דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן, אָבֶער דָאס דַארְף דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין,** דוּ דַארְפְסְט קוּקְן נָאר אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ תִּיקוּן, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אִיז זִיךְ אַרַיין אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אַוַודַאי אִיז דָארְטְן דָא אַלֶע סָארְטְן עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, אוּמְגֶעוואוּנְטְשֶׁענֶע גֶעסְט, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, וֶוער סְ'קוּמְט הָאט אַ תִּיקוּן, אוּן מְמֵילָא דַארְף אִיךְ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אִיךְ דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף מִיר, אוֹיף מַיין וַוייבּ, אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער.

אשר בנחל מכתב שמ"ב

## צו פארן קיין אומאן מעג מען בארגן:

אִיז נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַזוֹיפִיל מְנִיעוֹת צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם **דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל נָאר זֶעהְן ווִי אִידְן פַּיינִיגְן זִיךְ,** אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן! כַאפּ דַיין פֶּעקְל אוּן קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז "אוֹיף הוֹצָאוֹת אוֹיף אַהִין אוּן צוּרִיק, וֶוער סְ'קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה גַארַאנְטִיר אִיךְ",** אִיבֶּערְדֶעם קֶענְסְטוּ בָּארְגְן גֶעלְט פַאר אַ טִיקֶעט, אוּן קוּמֶען, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועט דִיר דָאס צוּרִיק בַּאצָאלְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן.

אשר בנחל מכתב שמ"ו

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## זיי מיר נישט מגלה ווען משיח קומט

דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט דערציילט:

אין שטאט צפת האט געוואוינט א איד מיטן נאמען אברהם. ער איז געווען א גאר פשוט'ער מענטש וואס האט בכלל נישט געקענט לערנען; קוים קוים וואס ער האט געקענט דאווענען אין א סידור, און פארשטייט זיך אז פירוש המילות האט ער גארנישט געקענט.

אבער איין זאך האט ער געהאט אין וואס ער איז געווען גאר שטארק - ער פלעגט שטענדיג רעדן צום אייבערשטן.

יעדע נאכט ביי חצות פלעגט ער זיצן אויף דער ערד און וויינען אויף די צרות וואס כלל ישראל מאכט מיט, און אויף דעם וואס די שכינה הקדושה איז נעבעך אין גלות, אידישע קינדער ווייסן נישט פונעם אייבערשטן.

איינמאל אינמיטן די נאכט, הערט ער ווי איינער קלאפט אויפן טיר. אברהם האט געפרעגט: "ווער איז דארט?" און יענער האט געענטפערט: "איך בין אליהו הנביא, עפן מיר אויף די טיר." אברהם האט געעפנט די טיר, און ווי נאר אליהו הנביא איז אריינגעקומען, איז דאס גאנצע הויז געווארן אנגעפילט מיט א גרויסער שיין.

אליהו הנביא האט אים געזאגט: "זאג מיר, וואס האסטו געטון אינעם טאג פון דיין בר מצוה? ווייל דער אייבערשטער אליין פריידט זיך מיט דעם וואס דו האסט געטון, און די גאנצע פמליא של מעלה באוואונדערט דיין אקט. איך ווייס בכלל נישט וואס דו האסט געטון אבער איך וויל עס שטארק וויסן; אויב דו וועסט מיר זאגן, זאג איך דיר צו אז איך וועל קומען לערנען מיט דיר יעדן טאג, און איך וועל דיר אנטפלעקן ווען משיח וועט קומען."

האט אברהם אים געענטפערט: "הער זיך צו, די מצוה וואס איך האב געטון אינעם טאג פון מיין בר מצוה, האב איך געטון נאר פארן באשעפער אליין און נישט פאר קיין שום אנדערע סיבה; נישט אז מענטשן זאלן וויסן, און איך בין נישט אינטערעסירט עס אייך צו דערציילן. און אויב צוליב דעם ווילט איר נישט לערנען מיט מיר, גייט לדרככם לשלום". און אליהו הנביא איז געגאנגען.

למעשה איז פון דעם אליין געווארן א גאר גרויסער רעש אויבן אין הימל, אז עס געפינט זיך א מענטש אויף דער וועלט וואס מען זאגט אים צו אז מען גייט לערנען מיט אים יעדן טאג און מען וועט אים אנטפלעקן דעם קץ, און מיט דעם אלעם שטופט ער אלעס אוועק ווייל ער וויל נישט דערציילן וואספארא מצוה ער האט געטון, היות ער האט עס נאר געטון פאר איין סיבה: 'נאר צו מאכן א נחת רוח פארן בורא כל עולמים'.



האט מוהרא"ש אויסגעפירט: אוודאי איז יעדע מצוה וואס א מענטש טוט אויף דער וועלט זייער חשוב, אבער וואס מען לערנט זיך ארויס פון די מעשה איז, אז ווען מען טוט א מצוה ריין און פשוט נאר פארן אייבערשטן, זעט מען ווי חשוב דאס איז און וואספארא גרויסן רעש דאס מאכט אויבן אין הימל.

אבער וועלכע מצוה קען מען טון יעדן טאג אן דעם וואס קיינער זאל וויסן? דאס איז רעדן צום הייליגן באשעפער. קיינער דארף נישט וויסן וואו דו גייסט און וואס דו רעדסט; רעד פשוט צום באשעפער, און אזוי וועסטו אויף דער וועלט באקומען א גאר ריינע אמונה, אן אמונה פשוטה.

*אשר הנחל חלק נ"ג מכתב י' קצב, בריוו 10192*



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסלויף

## קע"ג

## פארזעצונג פון פריער:

**דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען קֵיין בְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער זַיינֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע גְרוֹיסֶע יִסוּרִים וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְּ פוּן אַלֶע זַייטְן אַרוּם אוּן אַרוּם.**

אַזוֹי רֶעדְנְדִיג מִיט רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט זַיינֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים פוּן אַלֶע זַייטְן, אִיז אִינְצְוִוישְׁן אַרַיינְגֶעקוּמֶען דִי רֶבִּיצִין, אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְּ אָפְּרֶעדְן צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, זִי הָאט גֶעהַאט דְרֵיי טַעֲנוֹת; אֵיינְס, פַארְוָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג אוֹיף זִיךְּ, פַארְוָואס עֶר הִיט נִישְׁט אוֹיף זַיין גֶעזוּנְט, צְוֵוייטְנְס, פַארְוָואס דֶער רֶבִּי שְׁלֶעפְּט זִיךְּ אַזוֹיפִיל אַרוּם אוֹיף דִי וֶועגְן, אוּן דְרִיטְנְס פַארְוָואס עֶר הָאט צוּגֶעלָאזְט אַז דָאס קִינְד זָאל נִפְטָר וֶוערְן.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְּ אָנְגֶערוּפְן, "אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה, זָאלְט אִיר זַיין דִי דַיָינִים, פַאר אִיר אִיז אַ שָׁאד דָאס קִינְד?", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין אוּן מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן גֶעזָאגְט, "וָואס וֵוייסְט אִיר בִּכְלַל וָואסֶערֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע בְּרָאךְ דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז דָאס קִינְד אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן? מַיין הַארְץ אִיז גֶענְצְלִיךְּ צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשְׁנִיטְן פוּן דֶעם"

עֶס זֶענֶען גֶערִינֶען טְרֶערְן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס פָּנִים, אוּן רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי זֶענֶען גְלַייךְּ אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן דִי צַעַר אוּן בּוּשָׁה וָואס אִיז זֵיי בַּאפַאלְן צוּקוּקְנְדִיג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַרְאֶה וִוי דֶער רֶבִּי וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג, פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, "וֶוען אִיר לוֹיפְט וֶוען נִישְׁט גְלַייךְּ אַוֶועק, וָואלְט אִיךְּ אַייךְּ וֶוען דֶערְצֵיילְט שֵׁיינְס".

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פָארְכְטִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (רוּת ב', ח') "וַיֹּאמֶר בֹּעַז אֶל רוּת", (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ה), וָואס רֶעדְט אִיבֶּער תִּיקוּן פוּן נְשָׁמוֹת, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זֵייעֶר הָאבְּן דֶעם אוֹיפְזֶעעֶר פוּן פֶעלְד, וָואס זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי אוּן זֵיי פַארְרֶעכְטְן, אוּן דֶער וָואס גַארְטְלְט זִיךְּ אָן צוּ זַיין דֶער "בַּעַל הַשָּׂדֶה", גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים פִילֶע יִסוּרִים אָן קֵיין שִׁיעוּר, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָבֶּער עֶר גֵייט אַלֶעס אַרִיבֶּער מִיט זַיין גְרוֹיסְן כֹּחַ, אוּן עֶר גֶעבְּט זִיךְּ אָפּ מִיטְ'ן פֶעלְד וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט עֶרְשְׁט יֶעצְט, אִין דֶעם זוּמֶער, מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן עִנְיָן פוּן מְתַקֵן זַיין נְשָׁמוֹת, אוּן אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן אַ "בַּעַל הַשָּׂדֶה", אוּן עֶר הָאט זִיךְּ אָנְגֶעגַארְטְלְט צוּ זַיין דֶער בַּעַל הַשָּׂדֶה, וִוי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן תּוֹרָה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט שׁוֹין דֶער רֶבִּי בֶּאֱמֶת גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַסַאךְ יָארְן פְרִיעֶר, וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גֶעוואוֹינְט אִין זְלַאטִיפָּאלִי.

פוּן דֶעם זֶעט זִיךְּ אַרוֹיס דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען אֲפִילוּ נָאר פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע מַדְרֵיגָה, יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע הָאט דֶער רֶבִּי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גָאר נֵייעֶ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער צוּ וָואס עֶר הָאט אַלְץ זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין דִי יָארְן.

אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִים ק"ב, י') "וְשִׁקֻוַי בִּבְכִי מָסָכְתִּי", אַז אֵיידֶער מֶען אִיז מְחַדֵשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה דַארְף מֶען קוֹדֶם וֵויינֶען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ב), אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְּ אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר אִיז מְחַדֵשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, וֵויינְט עֶר פַארְדֶעם.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# געדאנקען

## עסן פאפקארן מיט די
## שלום בית'לאזע חברים

עס איז א אנגענומענע זאך אין עולם הביזנעס אז מען נעמט אינווענטארי, מען געבט א קוק אויף די שעלוועס צו זען וואס טוט זיך דארט.

אזוי ווי עס קומט סוף יאר וועלן מיר נעמען אינווענטארי פון די ריזיגע יומאנגעס ווערעהאוז הנקרא היכל הקודש, מיר וועלן א קוק טאן וויפל דפים גמרא און פרקים משניות ליגט אויף די פאליצעס, מיר וועלן זען די ציפערן וויפל מאל געקושט די מזוזה, וויפל פעני'ס אין די פושקע, וויפל מאל געזאגט פאר די ווייב אז מען שעצט איר שווערע ארבעט.

כדי צו מאכן גרינגער די היכל הקודש אינווענטארי קאונט וועלן מיר עס גרופירן אין דריי קאטעגאריעס, תורה, תפלה, שלום בית, אזוי ווי למשל עס וואלט געווען א תורה ווערעהאוז אין קווינס, א תפלה ווערעהאוז אין בראנקס, און א שלום בית קאמפלימענטן ווערעהאוז אין ברוקלין.

מען דארף נאר באמערקן א וויכטיגע זאך וואס נישט יעדער כאפט.

די דריי הויפט קאטעגאריעס פון היכל הקודש אינווענטארי האלטן זיך נישט אמבעסטן אויב עס פעלט איינס פון די דריי קאמפאנענטס.

שטעלט אייך פאר א קלאדינג סטאר וואס פארקויפט נאר צוויי חלקים פון די THREE PIECE SUIT.

שטעלט אייך פאר ער פארקויפט נישט קיין הויזן, נאר וועסטלעך מיט רעקלעך.

אדער שטעלט אייך פאר ער פארקויפט נישט קיין רעקלעך, נאר וועסטלעך מיט הויזענעס.

אזוי זעט אויס איינער וואס פעלט איינס פון די דריי היכל הקודש קאמפאנענטס.

אויב איינער, למשל, רעדט צום אייבערשטן, און געבט קאמפלימענטן פאר די ווייב אבער ער עפנט נישט יעדן טאג א משניות און גמרא, וועט ער SOONER OR LATER מיד ווערן פון זיך רעכענען מיט זיין ווייבס מענטשליכע געברויך צו באקומען אנערקענונג פאר איר שווערע ארבעט.

די פרק משניות וואס א מענטש זאגט, דאס געבט אים FUEL צו האבן אייזערנע נערוון ווען זאכן גייען פארקערט ווי ער וויל, און די מציאות ווייזט אז ווען א מענטש פילט זיך אן מיט די FUEL הנקרא משניות, באקומט ער טאקע נייע כוחות צו האבן געדולד צו מיטגיין מיט זיין ווייב אויף זאכן וואס זענען פארקערט ווי אים, ווי למשל זי וויל ערקאנדישן אויף 72 און ער וויל ערקאנדישן אויף 68, די משניות געבט אים די פסיכאלאגישע כוחות אז אויב די ערקאנדישן איז 72 זאל ער נישט ווערן נערוועז דערפון.

און די אינטערעסאנטע זאך איז אז ווען די משניות קומט אריין אין די מענטש, צינד זיך אן, כאלו, א METER וואס ווען די מיטער לויפט אפ ווערט דער מענטש צוריק ווי א פרא אדם, ער ווערט צוריק

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

אן EXPLOSIVE DEVICE, וואס אויב ער נעמט נישט באלד איין פון די משניות מעדעצין וועלן די ארומיגע שפירן די קאנסעקוווענצן.

ביי איינעם איז די מיטער 24 שעה, ביי איינעם 12 שעה, ביי איינעם גאר זעקס שעה, אבער יעדער מענטש האט א סכום פון שעות וואס אויב ער איז אזויפיל שעה אן תורה איז ביטער פאר די גאנצע סביבה.

קומט אויס אז אויב מען האט תפלה מיט שלום בית אן תורה, קען מען ציען פאר נישט צי לאנג, די בעטערי נוצט זיך באלד אויס, אויב מען נעמט נישט נאך נערוון-בעטערי פון די משניות.

אויב, למשל מען האט תורה מיט שלום בית אן תפלה, איז אויך א שווערע עסק, אן בעטן דעם אייבערשטן נוצט זיך שנעל אויס די בעטערי פון האבן געדולד צו 72 עירקאנדישן און צו די ווייבס STRAWBERRY JAM CINNAMON .SALMON FISH

אויב מען האט תורה און תפלה אן שלום בית, איז דאך גאר ביטער.

ווייל ווען עס קומט צו די שווערע מלחמה פון גיין אויפ'ן גאס און זיך היטן די אויגן איז דא צוויי סארט מענטשן.

עס איז דא די וואס פארגינען די ווייב לופט צו אטעמען און ס'איז דא די וואס זענען ענטייטלט צו דאס און צו יענס און עקספעקטן אז יעדע ווארט וואס ער זאגט מוז ווערן געטון ווייל ער קוקט אויף זיך אזוי ווי א אפגאט אזוי ווי פרעה ביי די נילוס טייך יעדן צופרי.

אז דו ווערסט מיר זאגן אז א אינגערמאן וואס באדאנקט זיך פאר די ווייב אויף איר שווערע ארבעט האט שמירת עיניים אויף די גאס, קען איך דיר גלייבן, אבער אז דו ווערסט מיר זאגן אז א אינגערמאן וואס מאכט די ווייב פילן ווי א צוויי יעריג קינד האט שמירת עיניים אויפן גאס איז דאס שווער צו גלייבן, א אינגערמאן וואס האלט נישט די ווייב טייער אזוי ווי א חשוב'ע מענטש האט נישט קיין שמירת עיניים אויף די גאס, ס'קען גאר זיין פארקערט, ס'קען גאר זיין אז ער גייט אויף די גאס און די אויגן פליען אים איבעראל ווי א פארציקנדע חיה וואס איז ארויס פון CAGE און איז אומקאנטראלירבאר.

ווייל איינער א שלום בית'לאזער עצה געבער האט אים מדריך געווען אז זיצן מיט די ווייב אויפן קאוטש און עסן פאפקארן איז א איבעריגע זאך, דערפאר לויפט ער ארויס פון שטוב און פארברענט די נאכט מיט נאך תלמידים פון די שלום בית'לאזער עצה געבער עסנדיג פאפקארן ביי די קלעס-מעיטס קאנטרי-מעיטס עידזש-מעיטס עס-ענד-פי-מעיטס שוויץ-מעיטס שלום בית'לאזער מעיטס בריסקעט וואך נאכט.

פארוואס עסן פאפקארן מיט די ווייב אויפן קאוטש אז מען קען עסן פאפקארן מיט שלום בית'לאזע חברים ביי די דריטע קאזנס בריסקעט וואך נאכט.

קומט אויס אז אין היכל הקודש מוז מען טאקע האבן אלע דריי, תורה און תפלה און שלום בית, אויב עס פעלט איינס איז א שווערע מצב.

מען מוז זאגן משניות, מען מוז רעדן

> זי וויל ערקאנדישן אויף 72 און ער וויל ערקאנדישן אויף 68, די משניות געבט אים די פסיכאלאגישע כוחות אז אויב די ערקאנדישן איז 72 זאל ער נישט ווערן נערוועז דערפון.

צום אייבערשטן, מען מוז רעדן צו די ווייב מיט איידלקייט און מיט דרך ארץ.

דאס איז א שטיקל אינווענטארי קאונט פון היכל הקודש.

דא קומט נאך צו א קליין שטיקל, עס איז גוט צו האבן א גוטן חבר אין היכל הקודש, עס איז גוט צו האבן א אייבישטער חבר, א חבר וואס רעדט פון דעם אייבערשטן, א חבר וואס וועט מיר זאגן נאכאמאל און נאכאמאל אז דער באשעפער וועט העלפן, א חבר וואס וועט מיר דערמאנען אז די עיקר איז רעדן צום באשעפער, א חבר וואס וועט מיר דערמאנען נאכאמאל די וויכטיגע נקודה אז די שיף "היכל הקודש" וועט אנקומען צום ציל, נאר איך דארף זען אז איך זאל נישט אראפ פון שיף, די "כלליות" היכל הקודש איז גאראנטירט אנצוקומען ביז די ענד רייזע, נאר צו דער "אינדיווידואלער" תלמיד היכל הקודש וועט זיך דערהאלטן עד הסוף, דאס איז נישט גאראנטירט, דערפאר דארף איך א "אייבערשטער-חבר" זאל מיך דערמאנען צו בלייבן מיט די תמימות און נישט אראפ פון שיף.

יעצט צוריק צו די אינווענטארי קאונט דא בקהילתינו היכל הקודש, האמיר די דריי זאכן פון תורה און תפלה און שלום בית, דערנאך קומט צו אז מען דארף א גוטן חבר א תמים וואס וועט מיט מיר חזר'ן אז דער באשעפער איז דא און איך דארף רעדן צו אים.




און יעצט קומט די זאך פון שמחה, אויסער דעם וואס מען נעמט סוף יאר אינווענטארי צו האב איך געזאגט משניות דעם יאר, צו האב איך גערעדט צום באשעפער דעם יאר, צו האב איך זיך באדאנקט פאר מיין ווייב פאר איר שווערע ארבעט דעם יאר, דארף מען זען צו בין איך געווען פרייליך דעם יאר, צו האב איך געכאפט א טענצל דעם יאר? צו האב איך געזינגען און געקלאטשט דעם יאר?

איר האט דאך ליב קבלה, איר האט דאך ליב די קליינע אותיות, מוהרא"ש ברענגט פון די גרויסע מקובלים אז קלאטשן מיט די הענט קען ברענגען המתקת הדינים.

המתקת הדינים מיינט מאכן זיס די דינים.

אזוי ווי מען לייגט קאנפעקשן שוגער אויף די BLAND שמאטע קעיק.

אזוי ווי מען גיסט הייסע זיסע טשאקלעד אויף די בלאסע נאפאליאן.

אזוי ווי האניג אין די טיי.

דינים איז פארקערט פון תשובה, דין מיינט האסט געטון אן עבירה קומט דיר א שטראף, המתקת הדינים מיינט מען בעט זיך איבער מיט דעם אייבערשטן.

מען דרייט איבער, מען נעמט די שטרענגע דין און מען מאכט פון דעם א זיסקייט, אז מען בעט איבער דעם אייבערשטן ווערט א זיסקייט.

אז מען זינגט און מען קלאטשט איז די גאנצע איבערבעטונג מיט'ן אייבערשטן פיל גרינגער.

מיר אלע האבן געהערט די חודש אלול דאנערשטאג נאכט שמועס פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, מוהרא"ש האט געזאגט אז די מערסטע דארף מען תשובה טון חודש אלול אויף די ענין פון שמחה, צו בין איך געווען גענוג פרייליך דעם יאר?

לאמיר זיך נישט פאפן, לאמיר א קוק טון מיט א אמת'ן בליק, האב איך געזינגען און געטאנצט און געקלאטשט דאס יאר? אדער בין איך געווען ברוגז און פארלאנגעדיג און מלא טענות אויף יעדן איינעם ?

עס איז נאך נישט צו שפעט.

מען קען נאך ארייכאפן איין טענצל און איין קלאטשל אום תשפ"ו.

# געשעעניש'ן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





וויטערדיגע פארשריט ביי די נייע בנין אין אומאן - ב' כי תצא





אפשערן און הדר פירן פון הילד חיים נ"ו בן מו"ה מרדכי הערצאג הי"ו אין שטעטל - א' עקב










בר מצוה פון הבחור ישראל יוסף נ"י בן מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו אין מחנה אילן החיים - א' כי תצא





ברית פון הילד שמואל יעקב נ"י בן מו"ה שמחה סאלז הי"ו אין שטעטל - ה' כי תצא



די צאן קדשים ביים שפאצירן אין הדר אריין אין מחנה אילן החיים - ב׳ כי תצא



הנחת תפילין פון הבחור ישראל יוסף ני״ו בן מו״ה מנשה איצקאוויטש הי״ו אין שטעטל - ב׳ כי תצא






10,000 עצתו אמונה לשון הקודש אנגעקומען אינעם בית הדפוס בני ברק - ב׳ כי תצא





ישיבת היכל הקודש ירושלים אויף א נסיעה צו צפון ארץ ישראל - ג׳ כי תצא






ארויף געלייגט דעם שם הבנין אויפן בנין התלמוד תורה אין שטעטל - ה' כי תצא









קאנסטראקציע צו פארענדיגן דעם קומת הכנה לישיבה אינעם בנין התלמוד תורה אין שטעטל - ה' כי תצא





חבורה און חנוכת הבית אין שטוב פון מו״ה אלי לב הי״ו אין טבריה - ה׳ כי תצא



דער ראש ישיבה שליט״א ביים גיין נאך געלט
מיט זיין שווער שליט״א ביי די מנינים אין
שטעטל - עש״ק כי תצא



הבה״ח אלימלך עגמי ביים אנגרייטן די גליונות זעקלעך אין
שטעטל - ד׳ כי תצא





ליל שישי שיעור אין שטעטל - ה׳ כי תצא











דער ראש ישיבה שליט"א ביים באזוכן אין בית השחיטה מהודרת Palle Poultry מיטצוהאלטן די שחיטה פון די
ברסלב'ע שוחטים - ב' כי תצא





שחרית מיט די בחורים אינעם שטעטל ישיבה - א׳ כי תבא לאומאן



































**מסיבת הכרת הטוב מיט די פרנסי השנה פונעם קרן הדפסה - א׳ כי תבוא לאומאן**


ALPHAITIS.COM X dominogrp.com
AUTHORIZED
פארקאש
RETAILER
30%
סעיל
כאאאפסט?
אוי ווי מ'כאפט. דער טלית וואס שטייט אין שפיץ פונעם מארקעט שוין פאר דורי דורות, ווערט צוכאפט אין די טעג, זייענדיג דרייסיג פראצענט אראפ. המלך בשדה, געהעריג. שטייענדיג הארט פאר די הייליגע טעג ווען מ'גרייט זיך ארויפצולייגן מאקסימום מיילעדזש אויף די טליתים, מאכט מען א בייט פונעם אלטן ווייסלאזער טלית, און מ'כאפט א נייע קראנטשי ווייסער-ווי-ווייסע טלית'ל. כאאאפסט?
י"ג - כ"ב אלול
AUG. 26 - SEP.4
פארקאש טליתים סעיל 30% אראפ*
BORO PARK: 4529-16TH AVE. BROOKLYN NY 11204 | WILLIAMSBURG: 187 RODNEY STREET BROOKLYN NY 11211
LIBERTY: 10 SCHOOL ST. LIBERTY NY 12754 | LINDEN: 224 LIVINGSTON RD. LINDEN NJ 07036 | 917.474.6118
CUSTOM
SHOWROOM
*Restrictions Apply

בס״ד
פרשת כי תבוא
אויסגאבע # 32

# אינדערהיים

## צומישטע החלטות

מ. וועבערמאן

**איך קען די וועג**
מ. פעדער

**געקויפט א שפיצל מיט תפילה**
פ. קאהן

**א גוטע טיטשער פארן נייעם יאר**
ג. פעקעטע

רעסעפי
**Super Moist Honey Bundt**



# אינדערהיים



17



8

**בס"ד**
כי תבא
תשפ"ו
**נומער 33**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

# הער א מעשה

צו איבערגעבן א מעשה פון תפילה רופט ל. וועכטערמאן 845-662-4083


## פ. קאהן

לעיקוואוד


מיט גרויסע חסדים פונעם אייבערשטן האב איך זוכה געווען צו טון א שידוך מיט מיין טאכטער. אזוי ווי די חתונה איז געפלאנט אויף גאנץ א קורצע צייט פון די שידוך שליסן, האב איך געוואלט מאכן די שפיצל ווי שנעלער.

די דרך העולם איז אז מ'דארף אראפגיין צו די פרוי וואס מאכט די שפיצלעך מיט אן אפוינטמענט. מ'פרובירט עס אן, און בערך צוויי וואכן שפעטער דארף מען עס אויפפיקן.

אזוי ווי איך וואוין אין לעיקוואוד, און די פרוי וואס מאכט די שפיצלעך וואוינט אין קרית יואל, האב איך עס זייער שטארק געוואלט ערלעדיגן ווי לאנג איך בין אין קאנטרי וואס איז אסאך נענטער. אבער אפילו פון קאנטרי ביז קרית יואל איז מיר א שווערע זאך צו פארן, ווייל קיין עין הרע איך האב א שטוב מיט לעכטיגע קינדערלעך. מ'דארף טרעפן א בעיביסיטער, זיך שלעפן, און ס'קומט נאך צו די קאסטן פון די וועג. אבער זי זאגט מיר אז זי קען נישט אראפקומען צו די הויז, מ'דארף קומען צו איר.

איך האב געלייגט א פרוטה לצדקה און געבעטן דעם אייבערשטן, איך זאל דא טרעפן א וועג וויאזוי איך זאל קענען ערלעדיגן די שפיצל, וויאזוי מאכט מען עס ארבעטן.

דער אייבערשטער האט געפירט איך זאל נאכאמאל רופן און פרעגן פאר וויפיל שפיצלעך זי וואלט יא אראפגעקומען. האט זי געזאגט אז פאר אכט שפיצלעך קען זי אראפקומען. באשעפער, העלף! וויאזוי שטעלט

מען צוזאמען אכט מענטשן? געווענליך א שפיצל איז עפעס וואס מ'קויפט איינמאל אין א פאר יאר. אבער תפילה, תפילה, און נאכאמאל תפילה, דאס איז די עצה.

איך זיץ אינדרויסן אונטער די ווארימע זון און שיינע גראז אין די לעכטיגע אילן החיים ברסלב'ער קאנטרי. מ'זיצט א גרויסע רינג פון אסאך פרויען, און דער אייבערשטער האט מיר ארייגעשיינט איך זאל פרעגן ווער ס'וויל מאכן א נייע שפיצל. אבער למעשה איז גארנישט ארויסגעקומען עפעס דערפון.

איך האב גערופן אנדערע משפחות וואס האבן אויך כלות, אבער ס'האט נישט אויסגעזען ווי איך גיי דא קענען צוזאמקראצן אכט פרויען.

איך בעט ווייטער דעם אייבערשטן. א גוטע חבר'טע, מרת מזרחי, וואס איז געזיצן אין די רינג, און זי האט אויך א כלה, איז געווען די גוטע שליח צו העלפן. זי האט ארומגעשיקט א מעסעדזש אז מ'גייט אראפקומען מאכן שפיצלעך, און ווער ס'וויל זיך אנשליסן קען איר רופן.

די רופן האבן אנגעהויבן צו פליסן, און צום סוף האבן דרייסיג פרויען זיך אנגעשלאסן. מרת מזרחי האט אפילו וואוקגעגעבן איר הויז וואו מ'האט זיך צוזאמגענומען איין טאג, און ס'איז געווען גרויסע נסים אז ס'האט זיך אזוי שיין אויסגעארבעט.

די אטמאספערע איז געווען זייער פרייליך, ס'האט אונטערגעשפילט די ניגונים פון דער ראש ישיבה פון זיך שערן די האר. די פרוי פון די שפיצלעך האט געבינדן שיין די טיכל פאר די כלות, און מ'האט געמאכט בילדער צו קענען זיך פארשטעלן ווי שיין זיי וועלן אויסזען נאך די חתונה. דער עולם איז געווען גאר פרייליך, און ס'איז אויך געווען א גרויסע קידוש השם.

ביי א בשר ודם בעט מען איינמאל א טובה, אבער מ'וויל נישט אויסנוצן און בעטן נאך און נאך. אבער ביים אייבערשטן איז פונקט פארקערט. אז מ'זעט ווי ער העלפט, וויל מען נאר בעטן נאך און נאך.

## ל. וועבערמאן
קרית ברסלב

די לעצטע שטיק צייט איז אין מיין הויז געווען זייער פריילין, ווייל מ'האט זיך געגרייט צו די הערליכע פלעי פון די בן מלך און די דיימאנט שטיינער.

אזוי ווי דריי פון מיינע מיידלעך זענען געווען אויף די פלעי, זענען די צוגרייטונגען געווען גאר געשמאק.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין שוויגער און מיין מאמע זאלן קענען קומען, און אויך נאך פון די משפחה מיטגלידער זאלן וועלן קומען, און יעדער זאל הנאה האבן און זיך מחיה זיין מיט די לעכטיגע עצות פון לעבן מיטן אייבערשטן.

אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל ארויסקומען א קידוש השם, און אלעס ארום זאל זיך גוט אויסארבעטן.

אינמיטן האט שוין אויסגעזען אפשר וועט זיך נישט אויסארבעטן די צייטן און די וועגן.

איך האב שנעל אנגעהויבן צו בעטן דעם אייבערשטן. אויב ס'הייבט אן זיין מניעות, מיינט אז ס'איז וויכטיג צו מאכן אסאך תפילות אויף דעם.

איך האב אנגעהויבן אסאך אסאך בעטן דעם אייבערשטן, אלעס זאל זיין די שענסטע און בעסטע.

ברוך השם, ווען ס'איז געקומען די טאג פון די פלעי, איז געווען גאר א פרייליכע טאג. אלעס איז אזוי שיין ארייגעפאלן אין פלאץ.

איך האב געהאט אפאר פון מיין שוועסטער'ס קינדער וואס זענען געקומען בייטאג, און ס'איז געווען זייער געשמאק און פריילין.

ביינאכט זענען מיין שוויגער, מיין מאמע, מיין שוועגערין, און שוועסטער געקומען.

ס'איז מיר געווען זייער פריילין צו זען ווי דעם רבינ'ס מעשה ברענגט א לעכטיגקייט פאר אזויפיל אידישע קינדער וואס זוכן דעם אייבערשטן.

דא איז טאקע די פלאץ זיך צו באדאנקן פאר אלע וואס האבן געארבעט שווער צו צוזאמשטעלן די פלעי. עס איז ברוך השם געלונגען הערליך שיין.

## א פרוי פון
קרית ברסלב

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען גיין צו די בית פייגא פלעי. איך האב שוין געקויפט א טיקעט און ערלעדיגט א וועג, אבער איך האב נישט געוואוסט אויב ס'איז טאקע רצון השם צו גיין. אפשר אין מיין מצב איז ריכטיג צו בלייבן אינדערהיים מיט די קינדער.

איך האב געמאכט אסאך תפילה אויב איך זאל יא גיין אדער נישט גיין. איך האב זיך אראפגעזעצט זאגן די יום תהלים אז די פלעי זאל זיך אויסארבעטן און עס זאל זיין א הפצה צו פארשפרייטן דעם אייבערשטנ'ס נאמען אויף דער וועלט.

נאכן מאכן התבודדות האט מיר געשיינט אז מיין פלעי וועט פארקומען אינדערהיים מיט מיינע קינדער, און די ענדע פון די פלעי וועט זיין צו זען ווי א מאמע טוט רצון השם.

שכח אייבערשטער, איך האב זוכה געווען צו טון רצון השם און זיין אין מיין אייגענע שטוב.

## מ. בלוי
צפת

שכח אייבערשטער אז איך האב די זכיה צו קענען מאכן די וועכנטליכע פרויען שיעור ביי מיר אינדערהיים.

די לעצטע פאר וואכן האט זיך מיין טאכטער אויפגעוועקט יעדער שיעור פון די גערודער, און נאכדעם האט איר געוומען זייער לאנג צוריק איינצושלאפן.

די וואך פארן שיעור האב איך שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז זי זאל גוט שלאפן און זיך נישט אויפוועקן.

שכח אייבערשטער זי האט זיך נישט אויפגעוועקט, אפיל מיט דעם וואס די פרויען האבן געשמועסט און געשמאק פארברענגט, און מיט דעם וואס די מוזיק איז געווען גאנץ הויער.

מ. פעדער

# איך קען די וועג




"קינדערלעך, מען גייט!"

די קינדער שפרינגען אויף מיט איבערראשונג, און אין ווייניגער ווי א האלבער מינוט זענען זיי שוין אלע גרייט ביים טיר. יעדער פון זיי איז אנגעטון מיט באקוועמע שיך און א טאש אויפן רוקן, אנגעפילט מיט אלעס וואס זיי דארפן האבן פארן וועג.

שוין וואכן לאנג וואס זיי פלאנען דעם שפאציר; זיי גייען היינט ארויס שפאצירן אין שויס פון די נאטור.

זיי נעמען א באס צו א קליינעם וואלד וואס געפינט זיך צוויי שעה אוועק פון זייער געגנט. נאכן זאגן תפילת הדרך און ארײנלייגן א פרוטה לצדקה, זיצן די איבערגענומענע קינדער און באטראכטן דורך די פענסטער די הערליכע פאנאראמעס וואס זיי פארן יעצט אריבער.

אה, ענדליך אנגעקומען!

יעדער שפרינגט אראפ פונעם באס. זיי גייען פאלגזאם נאך דעם טאטן, וועלכער פירט זיי אויפן וועג וואס דער 'וועיז' ווייזט אן.

נאך א שטיק צייט שפאצירן צווישן די ביימער און באוואונדערן דעם אייבערשטנ'ס הערליכע וועלט, באטראכטן די אינטערעסאנטע געוויקסן און זען קליינע קוויטשקעדיגע קאלירטע פייגלעך, ווערן די יונגערע קינדער שוין אביסל הונגעריג.

"אויב איך געדענק גוט, איז בערך צען מינוט פון דא דא א שיינע פלאץ מיט וואסער וואו מען קען זיצן און עסן," דערמאנט זיך דער טאטע פון די צייטן ווען ער פלעגט אהער קומען אלס בחור. "קומט, לאמיר אהינגיין."

די מאמע הייבט אויף דעם קליינעם וואס האט שוין נישט קיין כח צו גיין, און מיט פרישע כוחות נעמען זיי זיך ווייטער

מארשירן.

נאך צוויי מינוט גיין זעען זיי ווי דער וועג צוטיילט זיך אין צוויי. דער 'וועיז' (Waze) ווייזט מען זאל גיין רעכטס, אבער דער טאטע פארטראכט זיך פאר א מינוט: "עס שטימט בכלל נישט; אויב מיר גייען רעכטס, קומען מיר בכלל נישט אן צום וואסער. איך מיין אז דער 'וועיז' כאפט פשוט נישט אויף דאס פלאץ."

ער מאכט אפ צו גיין לינקס. נאך אפאר מינוט גיין האט שוין דער 'וועיז' אויסגעשטעלט א נייע וועג, אבער דער טאטע מאכט זיך נישט וויסנדיג; ער קען דאך דעם וועג און דארף נישט קיין הילף. נאכן זיך דרייען לינקס, רעכטס, און נאכאמאל רעכטס, רופט דער 'וועיז' אויס אז מען זאל זיך צוריקדרייען און פארזעצן לויט די אנווייזונגען, אבער ער מאכט זיך נישט; צוטוהן, ער לעשט אויס דעם 'וועיז' און בארואיגט די קינדער אז מען קומט שוין כמעט אן.

"דער 'וועיז' האט זיך מן הסתם פארמישט," בארואיגט ער זיין ווייב, "איך בין שוין דא געווען מערערע מאל אלס בחור, איך קען דאס פלאץ גוט."

נאך א האלבע שעה גיין כאפט ער זיך אז זיי קומען אין ערגעץ נישט אן. די קינדער זענען שוין מיד און הונגעריג, דער קליינער וויינט שוין, און די ווייב ווערט שוין אביסל באזארגט. ער פרובירט צו מאכן נאך א לינקס, אבער ווי מער זיי גייען, אלס מער פארפלאנטערט ווערט דער וועג. די קינדער צושטעכן זיך פון די דערנער און שטיינער, די ביימער זענען זייער געדיכט, און דער וועג זעט בכלל נישט אויס צו זיין געאייגנט פאר פיסגייער.

נאך עטליכע שעה קלעטערן, זעענדיג ווי עס הייבט שוין אן צו ווערן טונקל, איז דער טאטע שוין גרייט מודה צו זיין אין זיין טעות. בלית ברירה מאכט ער אפ אנצוצינדן די 'וועיז'; ער לייגט אריין זייער היים אדרעס אלס דעסטינאציע, האפנדיג ווי שנעלער אהיימצוקומען.

די 'וועיז' לאודט זיך, און דער טאטע האפט אז עס איז נאך דא א וועג ארויס פונעם פלאנטער. און יא! ברוך השם, די 'וועיז' האט אונז נישט אויפגעגעבן - עס איז דא א וועג ארויס!

זיי הייבן אן צו גיין, ווען מיטאמאל לעשט זיך די 'וועיז' אויס. "די בעטערי האט זיך אויסגעלאזט!" רופט ער אויס פארלוירן. ער וויל שוין נישט פרובירן צו געפינען דעם וועג אליין, וויבאלד ער האט שוין געזען וואו מען קומט אן אן א וועג-ווייזער.

די מאמע זעצט די קינדערלעך אויף די שטיינער און געבט זיי אביסל וואסער פון די פלעשלעך וואס זיי האבן מיטגעברענגט אין די טעשער. עס איז שוין טונקל, די קליינע קינדער וויינען פאר מידקייט, און דער גאנצער לוסטיגער שפאציר האט זיך אזוי נישט גוט אויסגעלאזט

"די איינציגסטע ברירה וואס איז אונז איבערגעבליבן איז צו רופן 'הצלה' 'חברים' זיי זאלן אונז קומען אפזוכן און אהיימנעמען," קלערט דער טאטע מיט בושה.

ביז א האלבע שעה הערן זיי שוין א העליקאפטער. זיי צינדן אן א פלעשלייט וואס זיי האבן מיטגענומען, כדי מען זאל זיי קענען באמערקן. די 'הצלה' מעמבערס נעמען זיי ארויף אויפן העליקאפטער און גיבן זיי עפעס צו עסן.

נאכן ארויסנעמען פון דארט פרעגן זיי אים: "וויאזוי גייסטו ארויס אויפן וועג, און נאך דערצו מיט קינדער, אן קיין 'וועיז' אדער א 'דזשי-פי-עס'?"

"אוודאי האב איך מיט מיר א וועיז," פארענטפערט ער זיך, "אבער איך האב עס נישט געדארפט נוצן, איך קען גוט די געגנט."

עס ווערט שטיל; ער לאזט אראפ זיינע אויגן פארשעמטערהייט, פארשטייענדיג זיין טעות.

"אז דו האסט שוין יא געהאט א וועיז, דו האסט שוין יא געהאט ווער עס זאל דיר פירן אויפן ריכטיגן וועג, פארוואס האסטו נישט געפאלגט?"

דער צדיק איז אונזער 'וועיז', אונזער וועג-ווייזער; ער איז אונז מדריך און ווייזט אונז וואס עס איז ריכטיג אין לעבן און פון וואס מען דארף זיך דערווייטערן.

עס מאכט זיך אמאל אז א מענטש רעדט זיך איין אז ער איז קלוגער פונעם צדיק, ער פארשטייט בעסער, און ער האלט אז דער צדיק פארשטייט נישט די מציאות אזוי גוט ווי אים.

אויב עס קומט צו ענינים פון איידלקייט, טעכנאלאגיע, חינוך, שלום בית, חתונה מאכן יונג, אדער ענליכע זאכן - ער האלט אנדערש.

אין אנהייב קען עס טאקע אויסזעהן ווי 'איך ווייס וואס איך טוה', אבער צום סוף טרעפט מען זיך אין די בלאטע, מען געפינט זיך אינגאנצן פארלוירן און מער און מער פארפלאנטערט, אן צו זעהן א

**זיי הייבן אן צו גיין, ווען מיטאמאל לעשט זיך די 'וועיז' אויס. "די בעטערי האט זיך אויסגעלאזט!" רופט ער אויס פארלוירן.**

וועג ארויס.

ווייל ווען מען גייט נאך די אייגענע שכל, שניידט מען אפ זייער ביטער; מען קומט אין ערגעץ נישט אן און מען קען זיך נישט קיין עצה געבן אין לעבן. אן א וועג-ווייזער איז מען פשוט פארלוירן.

דער צדיק מיט זיין רחמנות ווערט נישט מיד; ער וועט נאר אויפווייזן דעם מענטש אז נישט קיין חילוק וואו ער איז פארקראכן, איז נאך אלץ פארהאן א וועג ער זאל קענען צוריקקומען צום אייבערשטן.

וויפיל דארפן מיר דאנקען דעם אייבערשטן וואס מיר האבן זוכה געווען צו קומען צו אן עכטן צדיק, א צדיק מיט אזעלכע לעכטיגע דיבורים וואס קענען יעדן פון אונז מאכן פאר אן ערליכן איד. אזוי ווי דער הייליגער רבי האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: "מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט אייך קען מען ווערן אן ערליכער איד; אבער נישט סתם אן ערליכער איד, נאר אן ערליכער איד אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד".

דער רבי ווייזט אונז דעם וועג וויאזוי אפילו מיר פשוטע מענטשן קענען צוקומען צו די העכסטע מדרגות און ווערן צוגעקלעבט צום אייבערשטן. אז מיר האבן שוין זוכה געווען צו קומען צו אזא וועגווייזער וואס פירט אונז אויף אזא גראדן און געשמאקן וועג אין אזא שווערע און קאמפליצירטע וועלט, וועלן מיר זיין נאריש אויב מיר וועלן זיך האלטן מיט אונזערע חכמות און מיינען אז מיר פארשטייען בעסער, און זיך ווייטער דרייען ארום זיך אליינס.

לאמיר זיין קלוג און טראסטן דעם צדיק אז ער מיינט נאר אונזער טובה, אפילו מיט זאכן וואס געפעלן אונז נישט. לאמיר פאלגן דעם צדיק און נישט זיין קיין איבער-חכמים.

לאמיר נישט זיין פון די נעבעכס, ווי דער הייליגער רבי זאגט: "אויף צוויי כיתות מענטשן האב איך רחמנות: אויף די וואס ווייסן נישט פון מיר, און אויף די וואס ווייסן יא פון מיר אבער זיי פאלגן מיר נישט".

אז מיר וועלן פאלגן דעם צדיק וועט אונז גוט זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, און אז נישט וועלן מיר סתם זיין א נעבעך, א רחמנות.

"הייליגער באשעפער, העלף אז איך, מיין מאן, מיינע קינדער, און אלע מיינע קומענדיגע דורות זאלן שטענדיג פאלגן א צדיק, נאכגיין א צדיק, און לעבן מיט א צדיק.

העלף מיר, אייבערשטער, איך זאל מיך אפלאזן פון אלע מיינע נארישע חכמות; געב מיר תמימות איך זאל טראסטן א צדיק אז ער ווייסט וואס עס איז ריכטיג, און איך זאל פאלגן אפילו זאכן וואס געפעלן מיר נישט.

העלף איך זאל אראפבייגן מיין קאפ, און איך זאל נאר וועלן וואס דו, אייבערשטער, ווילסט".



ש. טראכטער



# וואס איז מיין דזשאב?

איד איז אמאל אריינגעקומען צו הרב יצחק דוב קאפעלמאן ז"ל ראש ישיבת לוצערן, שווייץ, און אראפגעלייגט א קוויטל אויפ'ן טיש. דער גאון האט געגעבן א בליק דערויף און געזען באלד צוויי מנינים נעמען. ער האט אים געפרעגט: "דאס זענען תלמידים?"

האט דער איד געענטפערט: "ניין ראש ישיבה, דאס זענען מיינע קינדער."

ווי דער רב האט דאס געהערט, האט ער מיט התרגשות און טרערן אין די אויגן געזאגט: "איך וויל האבן די זכיה צו באגריסן די פרוי וואס האט געהאט די זכיה צו זיין א שותף איבער פופצן מאל מיט'ן אייבערשטן אליינס."

יעדעס מאל איך טראכט פון די מעשה, קומען מיר טרערן. יא, א אידישע מאמע'ס ארבעט איז אומשאצבאר, און גלייכצייטיג זייער שווער. צומאל שפירט מען ווי מען קען נישט מער. אבער שוועסטער, צו שאצן מיר די זכיה צו זיין א שותף כביכול מיט'ן אייבערשטן אליין? צי קענען מיר אפשאצן דעם זכות פון האדעווען דעם נעקסטן דור פון דעם אייבערשטנ'ס קינדער?

אונזער ארבעט איז הקרן קיימת לו לעולם הבא; דעם עיקר שכר וועלן מיר זען אויף יענע וועלט. דא אויף די וועלט דאכט זיך צומאל: וואס איז אונזער ארבעט ווערד, און צו ווערט אונזער ארבעט בכלל אנערקענט? אבער דארט אויבן אין עולם האמת, איז אונזער שכר אומשאצבאר. צו קענען מיר אפשאצן די זכיה פון זיין א שותף כביכול מיט'ן אייבערשטן?

אז א מנהלת זוכט א סעקרעטארין, ווייזט זי פונקטליך וואס זי וויל יענע זאל טון:

זיין אין סקול ניין אזייגער.

מאכן די קאפיס פאר די לערערינס פאר זייערע פאפירן.

נעמען אטענדענס פון די מיידלעך.

באשטעלן די זאכן פאר די ראש חודש פראגראמען. וכו'

אויב א געשעפטס אייגנטומער זוכט אן ארבעטערין, ווייסט ער פונקטליך וואס ער וויל פון איר:

זיין דא ווען דאס געשעפט עפנט זיך.

העלפן די קונים אויסקלויבן וואס זיי דארפן.

שטיין אויף די 'ריטורן פאליסי' (וואס מען קען יא אדער נישט צוריקגעבן).

איבערקוקן די אינווענטארי און זען וואס מען דארף נאך באשטעלן.

יעדע ארבעטערין האט א נאמען פאר איר ארבעט: "סעקרעטאר, פארקויפערין, מענעדזשער, בעיביסיטער, וכדומה".

אבער וואס איז די 'דזשאב דיסקריפשאן' פון א אידישע מאמע? וואס זענען אונזערע ארבעטס דעטאלן? איז דען דא א פאפיר און פעדער וואס קען אפשרייבן און אפמאלן די טויזנטער ענדלאזע פליכטן פון א אידישע מאמע?

א אידישע מאמע האט נישט קיין פונקטליכע אנווייזונגען וואס זי דארף טון, און דאס מאכט צומאל די ארבעט שפירן שווערער. א מאמע פילט אמאל: "וואס פונקטליך האב איך היינט אויפגעטאן?"

איינער וואס האט אסאך עוסק געווען פארן כלל דעם פארגאנגענעם יאר, זאגט מיר מיט אביסל וויטאג: "איך האב געארבעט א גאנץ יאר, אבער איך ווייס נישט אויב איך קען דיר אויפווייזן אויף פעדער און פאפיר וואס איך האב געטאן. איך ווייס נאר איין זאך: איך בין קיין מינוט נישט געגאנגען ליידיג. איך האב געפילט ווי איך ארבעט אין אן 'עמערדזשענסי רום'; איך טו יעדע מינוט דאס וואס עס פאדערט זיך אין יענע רגע, צו העלפן און פארבעסערן פאר אנדערע."

די ווערטער האבן מיר געקלינגען נאנט צום הארצן. פונקט דאס איז וואס א אידישע מאמע טוט. ווען דו וועסט איר פרעגן וואס זי האט היינט געטון, קען זיין זי וועט בלייבן שטיל. אבער אויב דו וועסט איר פרעגן צי זי האט זיך היינט אפגערוהט, וועט דער ענטפער זיין: "ניין... אוודאי נישט. איך בין אויף די פיס פון אינדערפרי."

און וועגן דעם דערמאנט אונז דער ראש ישיבה שליט"א כסדר, אז מיר פרויען האבן א שענערע ברכה ווי די מענער וואס זאגן "שלא עשנו אשה"; מיר זאגן "שעשני כרצונו" - מיר טוען א גאנצן טאג דעם רצון ה'.

פאר די געפיל איז אסאך געשמאקער און בעסער צו האבן א פונקטליכע אויפגאבע און קענען שפירן ביים סוף טאג: "געטון!" און קענען קוקן אויף די ליסטע און אויסמעקן: "רינדעכיגע חלות, איינקויפן יום טוב קליידער, זיסע מייערן, אוועקפאקן זומער זאכן, איינקויפן צוגעהערן פאר סקול, וכו'..."

אבער צומאל וויל דער אייבערשטער פון אונז די זיסע עבודה פון "אלעס און גארנישט"! נישט צו זיין א פונקטליכע אפגעשריבענע ליסטע וואו עס שטייען אויסגעשריבן אונזערע פליכטן, נאר זיין ווי די עוסקים בצרכי ציבור וואס דארפן צומאל אריינטאנצן און טון און טון, אן צו קענען אויפווייזן "אט דאס האב איך געטון..." אן שפירן דעם געפיל פון סיפוק און אנגעפילטקייט.

אבער דאס, טייערע שוועסטער, איז נאך א גרעסערע מדריגה. דאס ווערט געשאצט אויבן אין הימל אויף טריליאנען, אויף נומערן וואס עקזיסטירן נישט אויף דער וועלט.

צומאל קוקט מען זיך ארום דריי אזייגער און מען וואונדערט זיך: "די קינדער קומען שוין אהיים? וואס האב איך שוין אויפגעטון היינט? קוים זענען זיי ארויס, איך האב דאך נאר... געמאכט די בעטן... געוואשן אביסל וועש... קעיר גענומען פון די בעיבי און פונעם צוויי-יעריגן... גערופן מיין מאמע... אויסגעהערט א האלבע שיעור... געטראכט פון נאכטמאל... און שוין, זיי זענען שוין דא?!" (ווער נישט צוקלאפט אויב די ליסטע איז צו לאנג אדער געשמאק פאר דיר, און דיין טאג זעט אויס אסאך קלענער און שיטערער ווי דעם! דאס איז א ליסטע פון עטליכע פרויען צוזאמענגעשטעלט אין איינס...!)

ליבער שוועסטער, וואס האסטו

היינט געטון?! געבויט נשמות! א מאמע ווערט געשעצט און געלויבט בלויז פארן "זיין", אפילו נישט פארן "טון". און אויב דו קענסט היינט שענקען בלויז איין שמייכל פאר יעדן קינד, ביסטו שוין א העלד. ווער רעדט נאך אויב דו קענסט נאך שמייכלען צו דיין מאן? ווער קען אפשאצן אונזער ווערד?

א אידישע מאמע גיבט און גיבט פאר יעדן חיזוק, אבער צומאל פילט זי זיך אליין נישט אנגעפולט מיט חיזוק נאר ווי א חוזק! ווער גיבט איר חיזוק? שוועסטער, שעפ חיזוק פון די הייליגע ווערטער פון אשת חיל, וואס מען פירט זיך צו זינגען יעדע וואך. דאס איז דער "אייביגער ניגון" פון שלמה המלך פאר יעדע אידישע מאמע, וואס דאס גייט ארויף אויף די שכינה הקדושה.

אונזער ווערד און אונזער שאצונג זענען אזוי הייליג, אזוי טייער, און אזוי נאנט צום אייבערשטן.

די ארבעט פון א אידישע מאמע איז נישט פשוט; עס איז טאקע שווער, פול, און א -24שעה'דיגע ארבעט. עס קומט טאקע נישט מיט די גלעקלעך און אפלאדיסמענטן וואס אנדערע ארבעט וואלט דיר געגעבן, עס איז נישטא דער מענעדשער וואס ווארט דיר אפ סוף טאג און זאגט, "דו ביסט אומשאצבאר פאר אונזער קאמפעני, מיר אפרישיעטן דיר זייער."

## א אידישע מאמע האט נישט קיין פונקטליכע אנווייזונגען וואס זי דארף טון, און דאס מאכט צומאל די ארבעט שפירן שווערער. א מאמע פילט אמאל: "וואס פונקטליך האב איך היינט אויפגעטאן?"

אבער פון די אנדערע זייט זענען מיר אידישע מאמעס אויף אזא הויכע באצאלטע פעיראל. מיר זענען דאס נישט יעצט אויף די מינוט, אבער יעדע נאכט, יעדן מאלצייט, און יעדע לאוד אין די וואש מאשין ווערט אונז גערעכנט און אוועקגעלייגט אין סעווינגס... יעצט דאכט זיך אז "קיינער ווייסט נישט און קיינער זעט נישט", אבער איין טאג, אין די אייביגע וועלט, אין די אמת'ע וועלט, וועלן מיר זען און זיך ארומדרייען מיט אן אייביגע עשירות.

א אידישע מאמע פאנטשט קיינמאל נישט אריין און טשעקט קיינמאל נישט ארויס. אפילו ווען זי איז נישט פיזיש נעבן די קינדער, איז איר מח און איר הארץ שטענדיג ביי אירע קינדער.

צו קען איינער אפשאצן די אידישע מאמע וואס איז אויף ביינאכט מיט די קינד וואס ציינדעלט, און אט טוישט מען איבער בעט געוועטעט פאר א צווייטע, און אט זיך דערמאנט אינמיטן די נאכט צו שרייבן א מצוה צעטל פאר א דריטן. אינדערפרי, קוים וואס זי האט די קינדער, מיינסטו אז זי "רילעקסט"? ניין, דאס הארץ איז מיט זיי אין סקול און אין חדר.... זי זארגט, זי בעט, זי שעפשעט שטילע תפילות. און אט דערמאנט זי זיך אין איר מאן, אין די תקופה וואס איז אין יעצט שווער, און ווידער בעט זי זיך שטיל ביים גרויסן טאטן זאל אים היטן און באגלייטן.

ווער רעדט נאך יעצט ווען מיר חסידי ברסלב שטייען פאר אומאן און ביי געוויסע איז עס פונקט א תקופה וואס מען ווארט א שמחה, נאך א שמחה אדער אנגעשטערענגט פאר סיי וועלכע אנדערע סיבה און דאך שטארקן מיר זיך מיט אמונת חכמים און מיט שמחה און מיר טוען וואס איז ריכטיג אפילו עס קומט נישט אן גרינג. אוודאי זענען מיר זייער פרייליך און מיר ווילן אוודאי דאס, ווייל דער הייליגער רבי האט דאך אונז געזאגט, "וואס זאל איך אייך זאגן, קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פאראן." אוודאי ווילן מיר אז אונזערע מענער זאלן גיין און אונז אהיימברענגען א גוט געבענטשט איר, דאך איז דאס נישט קיין סתירה אז פאר געוויסע קומט עס אן שווערער ווי פאר אנדערע. און דאך שטארקסטו זיך מיט שמחה און אמונת חכמים...! דיין שכר איז אומשאצבאר. איז דען דא א גרעסערע לימוד זכות פאר'ן גרויסן יום הדין וואס קומט שוין אט אט?

ווען דער סניגורן של ישראל, דער הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע, וואלט געזען היינט ווי אידישע מאמעס שטייען פעלזן-פעסט אין אזא דור וואס די נסיונות דראען יעדן טאג אומצוווארפן דאס שיפל, און זיי שטייען מיט תמימות, אמונת חכמים און ענדלאזע געטריישאפט ברוחניות ובגשמיות, וואלט ער זיכער געטענה'ט צום אייבערשטן אז עס איז נישטא נאך אזא לימוד זכות פאר אידישע קינדער צום נייעם יאר ווי א אידישע מאמע. זאל דער אייבערשטער קוקן ווי מיר גיבן, פארגיבן, און גיבן ווידער, און אונז אויך מוחל זיין אונזערע עבירות און אונז שענקען א גוט געבענטשט יאר מיט אלע ברכות. אמן ואמן.

# צומישטע החלטות

מ. וואסערמאן

**ניין!**

בשום אופן!!

דו גייסט נישט !!!

וואס וועלן מענטשן זאגן?

איך האלט עס נישט אויס.

עס איז אזוי שווער צו בלייבן אליין...

ביים נסיון מען שטייט, קאמפסגרייט, מיט תפילה באגלייט.

געפילן רוישן, מיט טרערן א OCEAN, אבער מיין בליק טוט זיך טוישן.

שיעורים הערן, דעם רבינ'ס שכל פארמערן, רואיגער ווערן.

ביים ציון פועל אונז אויס א גוטע יאר.

ברענג צוריק פעק פון ישועות.

איך קוק נישט אויף קיינעם.

דו קענסט פארן !!!

צאתכם לשלום!!

**יא!**



# Super Moist Honey Bundt

S. LEVY

רעספּי פונדערהיים

## INGREDIENTS

1 1/2 cups honey
3 cups warm water
4 tsp coffee
6 cups flour
1 tbsp baking soda
1 tbsp baking powder
1/2 tsp cinnamon
6 eggs
3 cups sugar
1 1/2 cups oil

## DIRECTIONS

In a bowl, combine honey, warm water and coffee, and mix well.
In a mixer, beat eggs, sugar and oil on medium speed until creamy. Alternatively, add the liquid and dry ingredients; mix until batter is smooth.
Pour into two large, well-greased bundt pans. (Bakers tip: heat bundt pans before spraying with oil this will help cake come out more easily) Bake on 325 for 1 hour and 15 min or until toothpick comes out clean when inserted in center.
Yield: 2 bundts
שנה טובה ומתוקה!



**טראכט נאר פאזאטיוו!**

**ראש השנה דארף מען זייער היטן די מחשבה - נאר טראכטן גוט, און חלילה רעדן שלעכט אויף א צווייטן.**

אזוי אויך האט דער ראש ישיבה פאריגע וואך דערמאנט ביי די שיעור פאר די אידישע שטוב: ״מ׳זאל זיך זייער היטן ווי אזוי מ׳רעדט ראש השנה, ווייל ווי אזוי דו רעדסט אויף יענעם, אזוי וועט מען דיר משפט׳ן״.

עס נישט קיין זויערס וואס מאכט אויסקוקן דיין פנים זויער, אפילו די גלייכסט עס, ווייל ווי אזוי מענטשן קוקן דיר אן דא אויף דער וועלט, אזוי קוקט מען אויף דיר אויבן.

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## תמימות

אה, תמימות,
לויב עס,
רים עס.
ס'איז זיס,
איין שטיק נעימות.
אנשטאט,
טראכטן קרום,
א שאד,
זיי א תמים,
פשוט גראד.
טראכט גלייך,
דער אייבערשטער וויל,
די מצוות מיינע,
פשוט שטיל,
גאנץ קליינע,
אפילו נאר איינע.
אויך ווען ס'איז,
נישט אזא שיינע,
פארטריקענט,
אן געפיל,
zero thrill
אין הימל ס'איז,

פריש און דערקוויקנד,
א ווערק אנטציקנד.

יא, פון דעם מ'רעדט,
פון דיין **נעגל וואסער,**
צופרי ביים בעט.
ס'איז מטהר,
ס'איז power,
אין לשער.
ס'קוקט אויס, וואס איז עס?
א טעפל און שיסל?
יא, מ'מוז עס,
דאס איז דער שליסל.
א קלייניקייט,
וואס ברענגט,
הייליגקייט.

בוסט פארנומען,
האסט נישט קיין רוה.
**זאגן תהלים,**
קענסט נישט אנקומען.
טוה,

א משהו,
א קליינע שריטל,
ווי א תמים,
איין קאפיטל.
יא טעם, נישט טעם,
געזאגט סתם,
ווי א תם.
האסט אן אנונג,
ווי אין הימל,
פון דיין תהילים,
מ'איז אין שפאנונג?

ביינאכט,
מיינע אויגן,
שוין כמעט,
צוגעמאכט,
זאל איך ווי א תם,
קריאת שמע ליינען?
מ'קען שוין מיינען,
איך פאל דאך צאם!
קיין כח איך האב,
שטערנס טו איך זען,

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

ש. ל. פליישמאן

וואו איז מיין קאפ?
No mind, no brain.
און דאך,
איך זאג,
א טראפ און א טראפ,
מצטרפת,
פרוטה פרוטה,
מיין **קריאת שמע של המטה**.
די העכסטע זאך,
אזוי האלב וואך,
א הייליגע עבודה פשוטה.

א פרק,
א משנה,
א פסוק,
א ווארט מיט א ווארט,
אן אות מיט אן אות,
און נאך איינס plus.
**משניות**,
אפילו,
לכתחילה,
נישט פארשטיי עס,
א ווארט קיין איין,
עס רייניגט,
די נשמה,
עס גיבט חיות,
עס פאראייניגט,
צום אייבערשטן אליין.
איך קען נישט,
ארויסשטופן,
א ווארט צוויי,
ס'פילט זיך מיין ליפן,
ווי שטארקע קניפן.
א ווייי געשריי,
איך וויל רעדן,
פריי,
מיין הארץ spreaden
פאר'ן באשעפער.
**התבודדות**,
פלאטשיג פלעין,
פארציילן,
מיטטיילן,
וואס מיר איז געשען.
איך געב כאטש אן אטעם,
איך זאג באשעפער,
ווי א תם אן פשטים,
די ווארט נאר,
סתם געזאגט,
א חשיבות,
א חביבות.
א גרויסע value טראגט.
אה, תמימות,
לויב עס,
רים עס,
ס'איז זיס,
איין שטיק נעימות.
אנשטאט,
טראכטן קרום,
א שאד,
זיי א תמים,
פשוט גראד.
טראכט לייכט,
דער אייבערשטער וויל,
די מצוות מיינע,
פשוט שטיל
גאנץ קליינע,
אפילו נאר איינע,
אויך ווען ס'איז,
נישט אזא שיינע,
פארטרוקנט,
אן געפיל,
zero thrill,
אין הימל ס'איז,
פריש און דערקוויקנד,
א ווערק אנציקנד!!!









# דא האט איר
# א שיינע קארטל

צו באקומען ביי קרן הדפסה 718-387-2691 #104

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט אריין קרן הדפסה

*sruliHeskel




# א גוטע טיטשער פארן נייעם יאר

חיה'לע דרייט זיך אין בעט מיט גרויס anticipation.

מארגן הייבט זי אן שולע. זי איז שוין א גרויסע מיידל, קוים דריי יאר געווארן.

זי דריידט זיך נאך ארום מיט אירע פרישע קליידער צו מאכן א קאפקעיק, האלט אין איין טאפן איר פרישע טייטס, נישט גלייבנדיג אז זי איז שוין פון די 'קלאב' פון די גרויסע איידעלע מיידלעך וואס טראגן טייטס פון די דריי יאר. צו אלעמען, איז מארגן די ערשטע טאג פון פרי-נורסערי. זי האט שוין געציילט די טעג, די מינוטן, און די סעקונדעס צו עררייכן די מאמענטישע מינוט.

ערגעץ וואו איז זי איינגעשלאפן אין א זיסע שלאף, פול מיט זיסע געשמאקע ערווארטונגען אויף איר צוקונפט, וואס הייבט זיך אן מארגן אין pre-nursery.

"א גוט מארגן חיה'לע," רופט אויס איר מאמע. "מיר גייען זיך גרייטן צום ערשטן טאג. לאמיר זיך אפגיסן נעגל וואסער, זינגען שיין מודה אני- איך דאנק דיך באשעפער פאר'ן מיר צוריקגעבן מיין נשמה- זיך אנטון ווי א גרויסע איידעלע מיידל, באשיידענערהייט אין די זייט, קודם די רעכטע, נאכדעם די לינקע, פון קאפ אראפ, און מ'זעצט זיך צו א נארהאפטיגע, געשמאקע פת שחרית, וואס פאסירט נישט יעדן טאג, אבער אויף אזא מאמענטישע טאג האט די מאמע געשפירט פאר וויכטיג צו גוט אנזעטיגן איר טאכטער'ס גוף, ווי אויך איר זעל, אלס א ליבליכע אבסטראקט גלעט לכבוד די דאזיגע milestone.

איר טאכטער הייבט אן שולע.

"א גוטן טאג, חיה'לע" רופט אויס די מאמע פרייליכערהייט, אנכאפנדיג אירע הענט, העלפנדיג חיה'לע אראפקומען פון די גרויסע טרעפ פון די ריזיגע געלע באס וואס האט איר אהיימגעברענגט. "וויאזוי איז געווען דיין ערשטע טאג? פארצייל מיר עפעס."

די גלאנץ אין חילה'ס שווארצע אויגן איז שווער צו אראפשרייבן אויף פאפיר. זיי האבן געלאכטן ווי צוויי בריליאנטן. זי שלעפט ארויס פון איר בריפקעיס א צוקנייטשטע פאפיר, אנגעקאטשקעט מיט אלע קאלירן קרעיאונס.

"היינט האבן מיר געקאלירט די הערליכע שנה טובה פאפיר, "מאמי, זעסט דא? דא איז די עפל"- אנגעקאטשקעט שווארץ, ברוין, גרין, געל, פורפל, און בלוי. "און דא איז די האניג אין וואס מ'טינקט עס איין, מאמי," ווייזט זי צו אויפ'ן רויטן פארקאטשקעטע געמויזשעכץ אין די זייט. "ראש השנה טינקט מען איין די עפל אין די האניג."

זי הייבט אן זינגען די אלעמען באקאנטע ליד, "מ'טינקט די עפל אין די האניג, מ'מאכט א ברכה הויך און קלאר."

חיה'לע בארואיגט זיך פון איר high נאך אפאר מינוט. איר מאמע האט אויפגעהאנגען איר הערליכע שיינע פאפיר אויפ'ן פרידזש צו ווייזן פאר טאטי, ווען טאטי וועט באלד אהיימקומען, און זי באשעפטיגט זיך מיט'ן ענדיגן צוגרייטן נאכטמאל, בשעת חיה'לע שפילט זיך צופרידנערהייט מיט אירע דאליס.

עס גייט פארביי אפאר טאג. "א גוטן טאג, חיה'לע," רופט די מאמע אויס, און ווייזט איר מיט'ן האנט אראפצוקומען די טרעפ פון די באס, וואס זי האלט זיך אינמיטן לערנען אליין אראפצוקריכן. "וויאזוי איז היינט געווען דיין טאג?"

אין די פלאץ פון די צוויי בריליאנטן וואס האבן געלאכטן קוים אפאר טאג פריער, זענען געווען צוויי שווערע שווארצע שטיינדעלעך. די מאמע האט שנעל פארשטאנען אז עפעס איז פארגעקומען היינט אין שולע.

חיה'לע גיבט א שאקל מיט איר אקסל, קומט אפילו נישט אין קאך אויספאקן איר בריפקעיס און ווייזן פאר איר מאמע די שיינע שנה טובה קארטלעך וואס מען האט היינט געפארבט.

זי זעצט זיך גלייך אוועק אויפ'ן ערד און נעמט איר דאלי אין די שויס. "הערסט, מאלי דאלי? פון היינט און ווייטער דארפסטו וויסן אז אן עפל איז נאר רויט, אקעי?" זי נעמט די דאלי'ס קעפעלע און שאקלט עס פאר א ניין, אהין און צוריק, רעכטס אויף לינקס.

מיט א שטרענגערע שטימע חזר'ט זי איבער, "הערסט, מאלי דאלי? אן עפל באלאנגט נאר רויט, האסט פארשטאנען?" און זי שאקלט מאלי דאלי'ס קאפ נאכאמאל רעכטס אויף לינקס צו ווייזן אויף ניין.

חיה'לע זאגט עס איבער א דריטע מאל מיט א העכערע שטימע און א שטרענגע טאן צו באווארענען איר דאלי. "מאלי דאלי, פון היינט און ווייטער, ווען דו זעסט אן עפל, זאלסטו געדענקען, מען קען עס נאר פארבן רויט. אן עפעלע וואקסט רויט, פארשטייסט?" דאס מאל האט זי גענומען מאלי דאלי'ס קעפעלע און געשאקלט ארויף און אראפ, ווי אנצוווייזן יא.

זי האט עס אבער געטון זייער שטייט, דריקנדיג מאלי דאלי'ס קעפעלע פאראויס אויף אראפ ווי מיט א געבויגענע געמיט.

צום פיפטן מאל, ווען חיה'לע האט איבערגע'חזר'ט אז אן עפעלע דארף זיין נאר רויט, האט שוין מאלי דאלי געשאקלט א שטארקע יא. זי האט פארשטאנען.

די מאמע האט צוגעקוקט פון קאך מיט גרויסע פארוואונדערטע אויגן. זי קוקט אויף איר חיה'לעס אויסגעלאשענע, פארווייטאגטע, שווארצע אויגעלעך, וואס האבן געלאכטן ווי בריליאנטן קוים אפאר טעג פריער. זי באשטעטיגט אבער אז זיי זענען היינט אזוי שטארק פארלאשן, און זיי וועגן אראפ ווי שווערע שטיינדעלעך.

דאן קוקט זי אויפ'ן קאונטער וואו ס'ליגט די צעטלעך וואס חיה'לע האט היינט אהיימגעברענגט פון שולע, אפאר טעג פאר ראש השנה.

זי פארשטייט.

"חיה'לע," רופט זי צו איר טאכטער ליבליך, "קום, לאמיר צוזאמען קוקן די שיינע שנה טובה קארטל וואס דו האסט אהיימגעברענגט- וואס מיר וועלן שוין ארויסשיקן צו באבי מיט די פאסט."

זיי קוקן אויף די אויסגעשניטענע עפלעך, וואס איז געווען געשניטן אביסל צו שיין פאר א דריי-יעריג קינד דאס צו אויסשניידן, און די מאמע האט שוין פארשטאנען קלאר אז אוודאי האט די טיטשער געמאכט די שיינע שנה טובה קארטלעך.

אונטן ביי די שפיץ פון די עפל איז געווען אביסל פורפל מיט בלוי, אבער איבער דעם איז געווען רויטע פעינט ארויפגעשמירט, מיט

א דיקע שיכט פעינט.

"ווער האט געמאכט אזוי שיין די שנה טובה קארטלעך?" פרעגט די מאמע. חיה'לעס שווערע אויגן האבן אנגעהויבן ארויסלאזן א טרער נאך א טרער. עס האט זיך אנגעהויבן מיט א קליינע טראפ, אבער האט זיך שנעל פארזאמלט אין א פולע שטראם פון טרערן וואס האבן נאס געמאכט איר רויטע שנה טובה עפּלעע קארטל און צושמירט די פעינט. ס'האט זיך קלאר ארויסגעזען די אראנדזש, בלוי, און פורפל וואס איז געווען געפארבט פון פארדעם אונטער די פעינט.

צוביסלעך האט חיה'לע ארויסגעשטאמלט צווישן איר צובראכענע געוויין אז זי האט זיך אזוי געפריידט צו מאכן די שנה טובה קארטל, און אויסגעוועלט איר בעסטע, שענסטע, באליבסטע קאלירן עס צו פארבן. איר טיטשער אבער האט זיי אויסגעלערנט אז אן עפל דארף זיין רויט, און א בלעטל דארף זיין גרין. מיט א דיקע פעינט בראש האט זי איבערגעפארבט איר שיינע געקאלירטע עפל מיט א שיכט פון רויטע פעינט.

עס זענען דא teachers, און עס זענען דא לערערס.

עס זענען דא רבי'ס, און עס זענען דא פירערס.

אלע אידן דרייען זיך ביי רבנים, ביי פירערס, ביי גוטע אידן. אבער וואס לערנט דיר אויס דיין מנהיג, דיין רבי, דיין ערליכער איד?

אויב האסטו געפארבט א שרייעדיגן אומגעפאסטע קאליר, האסט זיך אויסגעגליטשט, האסט געמאכט א טעות אין דיין אידישקייט, ביסטו יעצט שוין גארנישט ווערד? מ'דארף דיך צודעקן מיט א דיקע פארב צו באהאלטן דיינע טעותים? אדער גאר אינגאנצן אוועקווארפן און אויסשליסן?

ס'איז דא איין רבי, דער הייליגער רבי, וואס איז דא פאר יעדן איד. א רבי, א לערער, וואס גיבט דיר א וועג אין לעבן. האסט ארויסגעקאלירט פון די ליין? האסט געפארבט א קאליר וואס שטימט נישט מיט'ן בילד? ס'שטימט נישט מיט די books? ס'שטימט נישט פאר די image, פאר די looks, פון די class room אדער חסידות?

זענען דא טאקע פלעצער וואס זאגן, לאמיר עס ריינוואשן, אנטון א דיקע פרימע קלייד און לאזן אלע אלטע מעשים דערינטער.

אבער ניין, דער הייליגער רבי לערנט אונז א וועג וואס ארבעט פאר יעדעם איינעם אין זיין צושטאנד.

האסט ארויסגעקאלירט? האסט געפארבט א צווייטע קאליר? האסט געוועלט א צווייטע לבוש, האסט געטון א טעות וואס פארשעמט דיין משפחה? ס'איז דא פאר דיר אויך א וועג. ס'איז דא פאר דיר א האפענונג.

דו קענסט אלעמאל תשובה טון, ווייל דער אייבערשטער זעט דיין אינעווייניגסטע אמת'ע קאלירן. אז עכט ביסטו נכשל געווארן, אבער עכט עכט האסטו נישט געוואלט, נאר עכט עכט עכט גלייבסטו נישט אז דו קענסט זיך נאך אויך צוריק קערן און תשובה טון. אבער עכט עכט עכט עכט לערנט אונז דער רבי ווי אזוי.

ס'איז נישט קיין שווערע זאך. ס'איז נישט קיין פארדעקטע, פארשטעלטע זאך וואס דו דארפסט באגראבן.

דו קענסט פון יעצט אנהייבן. בעטן דעם אייבערשטן זאלסט ליב האבן מצוות, ליב האבן אידלקייט, ליב האבן ערליכע אידן, מצוות און מנהגים. אוודאי אבער איז עס נאר צווישן דיר און דעם אייבערשטן. שמועס דיך אויס מיט אים.

פארצייל אים דיינע אלטע מעשים, פארצייל אים ווי דו ביסט אראפגעפאלן אומווילליג, און דערפאר האט מען דיך אויסגעשלאסן פון דיין משפחה, דיין קהילה, אדער אפילו אידישקייט.

מיטן רבינ'ס עצות קענסטו צוריקקומען. רעד צום אייבערשטן, פארצייל אים דיין ווייטאג, פארצייל אים ווי דו האסט זיך פארזינדיגט און ווי דו ווילסט עכט נישט. ווי דו האסט ארויסגעטרעטן פון די שורה, האסט געפארבט א קאליר וואס מען האט נישט פון דיר ערווארטעט... אבער דאך ווילסטו זיין גוט, דו האסט א ריינע נשמה, און דו בענקסט דיך אזוי שטארק צום אייבערשטן. עס איז נאר דיין זינד און דיין חרטה און דיין שווערע שולד געפילן וואס לאזן דיך נישט אנגיין אין לעבן. זאג עס ארויס.

דאן ווערסטו זען ווי דו ווערסט א נייע בריאה, דו פילסט פרישער, דו פילסט לייכטער.

לאז איבער די אלטע מעשים, לאז איבער די שולד געפיל, און גלייב אז פאר דיר, מיט דיינע נאטורן, דיינע אייגנארטיגע קאלירן, איז אויך דא א וועג צו דינען דעם אייבערשטן.

צו אזא רבי לאז איך מיין מאן פארן אויף ראש השנה צו אומאן מיטן גאנצן הארץ.

ער וועט מיר אהיימברענגען א פרישע שנה טובה קארטל.

שנה טובה ומתוקה

# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**מ'טינקט די עפל אין די האניג,**
**ס'קומט א זיסע יאר!**

↓



↓



## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ר | ת | ד | צ | צ | ס | כ | ק |
| ז | ע | פ | א | נ | י | נ | נ |
| ר | א | צ | פ | ח | ק | ק | ה |
| ב | ט | ע | צ | ט | ב | ש | א |
| ש | ח | פ | ע | ע | ז | ק | י |
| ר | ח | ו | ה | ב | ע | מ | ט |
| נ | נ | ל | ת | ש | ז | י | ש |
| ו | ב | ג | ש | ש | ו | י | נ |
| י | ק | ב | ק | נ | ד | ח | פ |
| ש | א | פ | ר | ש | ר | ה | ק |
| י | ג | כ | ר | כ | ה | א | ז |
| ע | ז | ט | ש | כ | ה | ז | ט |
| נ | ח | ז | ו | כ | ל | ל | ז |
| ה | י | מ | ו | ב | ס | פ | ר |
| ל | י | ל | כ | ח | ת | צ | ת |
| י | מ | ר | ת | י | פ | ז | ח |
| מ | י | ע | ב | י | ל | צ | מ |
| י | ק | ג | נ | מ | ש | י | י |
| ט | ל | ש | ו | כ | י | מ | כ |
| י | א | ת | פ | ח | ט | ל | ה |
| ל | ס | ג | ל | צ | מ | ט | ל |

זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים
וכתבנו בספר החיים למענך
אלקים חיים



# קינדער היים

## ווען אין ראש השנה משפט מען אנשי שלומינו?

דעם רבינ'ס חדר






# מִשְׁפַּחַת גְלִיק

## אִיבֶּערְבֶּעטְן

מֶענְדִי דֶערְצֵיילְט: אוּנְזֶער גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט וֶוען אוּנְזֶער זֵיידֶע הָאט אוּנְז גֶעקוֹיפְט אַן עֶכְטֶע שׁוֹפָר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ בְּלָאזְן מִיט דֶעם. אִיךְ קֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גוּט בְּלָאזְן מִיט דִי שׁוֹפָר.

רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין רֶבִּי'ן אִין חֵדֶר אַז אִיךְ הָאבּ אַ שׁוֹפָר אוּן אִיךְ קֶען זֵייעֶר גוּט בְּלָאזְן. מַיין רֶבִּי הָאט דַאן גֶעפְרֶעגְט וֶוער נָאךְ עֶס הָאט אַ שׁוֹפָר, אוּן וֶוער קֶען בְּלָאזְן מִיט אַ שׁוֹפָר.

מַיין רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדְן טָאג פוּן דִי חוֹדֶשׁ וֶועט אַן אַנְדֶערֶע יוּנְגֶל בְּלָאזְן שׁוֹפָר נָאךְ דַאוֶוענֶען, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט אֵיינְס אִינְדֶערְהֵיים מֶעג מֶען עֶס בְּרֶענְגֶען מִיט דִי מַאמֶע'ס רְשׁוּת.

אִיךְ הָאבּ קוֹים גֶעקֶענְט וַוארְטְן בִּיז עֶס וֶועט זַיין מַיין רַייעֶ צוּ בְּלָאזְן. עֶנְדְלִיךְ דִי וָואךְ מָאנְטָאג הָאבּ אִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אוּנְזֶער שׁוֹפָר. אִיךְ הָאבּ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי תְּקִיעָה זָאל גֶעלוּנְגֶען. נָאךְ דַאוֶוענֶען בִּין אִיךְ אַרוֹיף נֶעבְּן מַיין רֶבִּי'ס טִישׁ, אוּן גֶעבְּלָאזְן אַ קְלִינְגֶעדִיגֶע תְּקִיעָה גְּדוֹלָה.

נָאכְ'ן בְּלָאזְן הָאט מַיין רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אָהּ, אַזֶעלְכֶע תְּקִיעוֹת הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט נִישְׁט גֶעהֶערְט."

מֶענְדִי "קֶענְסְטוּ אוּנְז דֶערְמַאנֶען פַארְוָואס מִיר בְּלָאזְן גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל מִיט אַ שׁוֹפָר?"

"מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז סְ'קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן תְּשׁוּבָה טוּן."

"יָא, גֶערֶעכְט," הָאט מַיין רֶבִּי גֶעזָאגְט. "אֱלוּל



אִיז אַ רַחְמָנוּת'דִיגֶער חוֹדֶשׁ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מִיר זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף טְרַאכְטְן אוֹיבּ עֶר הָאט עֶפֶּעס חַס וְשָׁלוֹם גֶעטוּן נִישְׁט גוּט אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, קֶען עֶר יֶעצְט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זָאגְן: 'זֵיי מִיר מוֹחֵל, אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן נִישְׁט גוּט. אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּן.' אוּן אַזוֹי שְׁמוּעֶסְט מֶען עֶס אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹי, וִוי גוּט אוּן לִיכְטִיג סְ'וֶוערְט פַארְן מֶענְטְשׁ נָאכְן תְּשׁוּבָה טוּן."

אִיךְ הָאבּ פָארְזִיכְטִיגֶערְהֵייט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט מַיין שׁוֹפָר אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף מַיין פְּלַאץ. אִיךְ הָאבּ גוּט אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אִין מַיין רֶבִּי'ס רֵייד: "יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף טְרַאכְטְן אוֹיבּ עֶר הָאט עֶפֶּעס חַס וְשָׁלוֹם גֶעטוּן נִישְׁט גוּט."

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַבִּיסְל פַארְטְרַאכְט אוּן זִיךְ פְּלוּצְלִינְג דֶערְמַאנְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַפָּאר חֳדָשִׁים צוּרִיק. מַיין פָּנִים אִיז מִיר רוֹיט גֶעוָוארְן נָאר פוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי מַעֲשֶׂה.

בְּעֶרֶךְ חֲנוּכָּה צַייט הָאט מַיין רֶבִּי גֶעטוֹישְׁט אוּנְזֶערֶע פְּלֶעצֶער. עֶר הָאט מִיר גֶעזֶעצְט נֶעבְּן מְנַשֶּׁה. מְנַשֶּׁה אִיז זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער יוּנְגֶל, אוּן עֶר טְשֶׁעפֶּעט קֵיינְמָאל קֵיינֶעם. אָבֶּער עֶר אִיז... מֶער... וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ עֶס זָאגְן? מֶער צוּפְלוֹיגְן. אַפָּאר מָאל בְּלַייבְּט זַיין פָּנִים אַבִּיסְל שְׁמוּצִיג, אָדֶער זַיין פֵּיאוֹת אִיז צֶעפְלָאטְשְׁקֶעט, אוּן אַפָּאר מָאל קֶען עֶר אַבִּיסְל שְׁמֶעקְן.

עֶס אִיז נֶעבֶּעךְ דָא יוּנְגְלֶעךְ וָואס טְשֶׁעפֶּענֶען אִים. יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעזֶעסְן נֶעבְּן אִים, אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז גְלַייךְ גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין פוּן דִי טְשֶׁעפֶּענְיַאקֶעס.

ח. צ. גליק

וָואס זָאל אִיךְ עֶנְק זָאגְן? אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק, וַוייל אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעפָאלְגְט דֶעם יֵצֶר הָרָע. דֶעמָאלְטְס הָאבּ אִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט ווִי שְׁלֶעכְט אִיךְ פִּיר זִיךְ אוֹיף. אִיךְ בִּין נָאר גֶעזֶעסְן אַבִּיסְל אַוֶועקְגֶעדְרֵייט פוּן אִים, אָדֶער וֶוען עֶר הָאט דוּרְכְגֶעוָואקְט הָאבּ אִיךְ גֶעקְרִימְט מִיט מַיין נָאז אַזוֹיוִוי אִיךְ עֶקְל זִיךְ פוּן דִי שְׁמֶעק.

אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט אָנְרִירְן מַיינֶע זַאכְן, ווִי כְּאִילוּ אוֹיבּ עֶר רִירְט עֶס אַן וֶועט עֶס וֶוערְן... אִיךְ וֵוייס אַלֵיין נִישְׁט וָואס, אָבֶּער דָאס הָאט מִיר דֶער יֵצֶר הָרָע אַיינְגֶערֶעדְט צוּ טוּן.

אוֹי גֶעוַואלְד! שׁוֹין אַזוֹיפִּיל חֳדָשִׁים זֶענֶען אַרִיבֶּער, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן. בַּאשֶׁעפֶער, וָואס אִיז מִיט מִיר? טְשֶׁעפֶּענֶען אַן אַנְדֶערֶע יוּנְגְל אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, אוּן מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטְרָאף פַאר דֶעם. אִיךְ מוּז שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן.

עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז אִיךְ מוּז עֶס טוּן. בַּיי הַפְסָקָה בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער צוּ מְנַשֶּׁה, מַיין פָּנִים אִיז גֶעוֶוען רוֹיט. מַיין יֵצֶר הָרָע הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז אִיךְ זָאל אַוֶועקְגֵיין, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁלָאסְן אַז דָאסְמָאל צֶעטְרֶעט אִיךְ אִים.

"מְנַשֶּׁה", הָאבּ אִיךְ זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים, "אָנְהֵייבּ יָאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט צוּ דִיר זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין, גֶעדֶענְקְסְט?"

מְנַשֶּׁה'ס פָּנִים אִיז רוֹיט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעקוּקְט. אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ בַּאמֶערְקְט אַפָּאר טְרֶערְן. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי שְׁטַארְק עֶס הָאט אִים וֵויי גֶעטוּן, אוּן ווִי עֶר גֶעדֶענְקְט עֶס נָאךְ יֶעצְט. "מְנַשֶּׁה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי בַּאנַארִישְׁט, אִיךְ פִּיל אַזוֹי שְׁלֶעכְט. דוּ בִּיסְט אַזַא וואוֹילֶע יוּנְגְל, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמֶעגְט דִיר טְשֶׁעפֶּענֶען. אִיךְ גֵיי שׁוֹין זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין צוּ דִיר. דוּ בִּיסְט מִיר מוֹחֵל?"

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר מְנַשֶּׁה צוּ זָאגְן יָא. נֶעבֶּעךְ, עֶס הָאט אִים אַזוֹי וֵויי גֶעטוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט. שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מְנַשֶּׁה הָאט מִיר מוֹחֵל גֶעוֶוען.

אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן חֵדֶר הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען, אוּן אוֹיךְ צוּגֶעלֵייגְט אַ תְּפִילָה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אַז אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל קֵיינֶעם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אוּן פַארְשֶׁעמֶען." אוּן קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אוּן פַארְשֶׁעמֶען."



# דעם רבינ'ס חדר



## טרעף צו

**װעלכע צײַט אום ראש השנה פּירט דער רבי דורך זײַנע מענטשן?**

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

וואס האט ר' נתן געענטפערט פאר איינע פון זיינע חברים, ווען ער האט געזאגט: "אויב מיין דאווענען איז אויף די זעלבע מדריגה ווי נעכטן, וואלט איך מיך ארויפגעווארפן אויפן שארף פון שווערד"?

**איך האב פארשטאנען פון רבי'ן אז אויב מ'דאווענט נישט יום כיפור דאווענט מען אין גאטס נאמען**

## מילתא דבדיחותא

### ביזנעס דיעל

איינער האט אמאל געדארפט כאפן די באס פון וויליאמסבורג קיין בארא פארק. ער זעט ווי די באס פארט שוין אוועק, הייבט ער אן נאכלויפן די באס... ער לויפט און לויפט ביז ער קומט אן קיין בארא פארק!

ער טרעפט זיין חבר און ער פארציילט אים די מעשה, און ער זאגט אים מיט א שמחה "למעשה האב איך פארדינט $5, ווייל כ'האָב נישט געדארפט צאלן פאר די באס."

זאגט אים זיין חבר, "מ'זעט אז דו פארשטייסט נישט צו ביזנעס, ווען דו לויפסט ווען נאך א קאר סערוויס, וואלסטו פארדינט $35..."

### רעססעפי

אן עצה פאר מאגן ברענען:

1. נעם א גלעזל אויל
2. לייג אריין א לעפל זאלץ
3. א לעפל פאפריקע
4. א לעפל שווארצע פעפער
5. א לעפל ווייסע פעפער

די מאגן וועט אויפהערן ברענען... עס וועט אנהייבן פלאקערן!

## ספר המדות'ל

### אֲכִילָה

**יב. עַל יְדֵי תַּאֲוַת אֲכִילָה, הוּא אוֹהֵב בֵּן אֶחָד יוֹתֵר מִשְּׁאָר בָּנָיו.**

דִי תַּאֲוָה פוּן עֶסְן, מַאכְט אַז מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן אֵיין קִינְד מֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.

## בחידה טובה

**1. ווי אזוי קען אויסקומען אז מען זאל ליינען איין פרשה (ביז שני) אכט מאל במשך 2 וואכן?**

**2. וואס וועגט מער א פונט שטיינער אדער א פונט שטרוי?**

**חידות און ענטפערס פון פאריגע וואך:**

1. ווען קען אויסקומען אז מען ליינט קריאת התורה 5 טעג אין א צו, נישט חנוכה, פסח אדער סוכות?

**אויב ראש השנה פאלט אויס דאנערשטאג און פרייטאג. מען ליינט דאנערשטאג, פרייטאג, שבת, זונטאג צום גדליה, און מאנטאג**

2. ווי אזוי קען זיין אז א מענטש גייט אדורך א רויט לייט, די פאליציי שטייט דארט און ער זעט עס, און ער געבט אים נישט א טיקעט?

**ער גייט צופיס...**

# מענטשערלך

## יוּדֶעלֶע פָּארְט קַיין אוּמַאן

ערשטע חלק

ד

די בְּלוּמֶען שָׁאקְלֶען זִיךְ מִיט דִי תַּמּוּז וִוינְטְל. דִי זוּן שַׁיינְט אוּן יוּדֶע'לֶע שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק. עֶס אִיז עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען דִי פְרֵיילִיכֶע טָאג. יוּדֶע'לֶע גֵייט הַיינְט צוּ דִי פַּאסְפָּארְט אָפִיס. עֶר אִיז שׁוֹין זֶעקְס יָאר אוּן עֶר גֵייט דִי יָאר פָארְן צוּ אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

יוּדֶע'לֶע פְרֶעגְט טַאטִי אוֹיפְן וֶועג, "פַארְוָואס פָארְן אַזוֹיפִיל אִידְן צוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?"

טַאטִי עֶנְטְפֶערְט מִיט גֶעדוּלְד. אִין דֶעם טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט יעדֶער מֶענְטְשׁ גֶע'מִשְׁפָּט. וֶוער וֵוייסְט וָואס פַאר אַ גְזֵירוֹת עֶס וַוארְט אִין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר? צִי חַס וְשָׁלוֹם אַ מִיתָה מְשׁוּנָה, צִי חַס וְשָׁלוֹם מַחְלוֹת, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם אָרֶעמְקֵייט אוּן חוֹבוֹת, צוּ אַנְדֶערֶע בִּיטֶערֶע אָנְשִׁיקֶענִישְׁן. מִיר דַארְפְן הָאבְן אַ גְרוֹיסְן מֵלִיץ יוֹשֶׁר, אַ גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט, וָואס זָאל אוּנְז קֶענֶען הֶעלְפְן. דֶער גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט אִיז דֶער גְרוֹיסֶער, הֵיילִיגֶער צַדִיק, רֶבִּי נַחְמָן פוּן בְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מַיין גַאנְצער זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה" אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט בִּירוּשָׁה פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן (וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים) נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס מִיר גֶעגֶעבֶּן בְּמַתָּנָה, אַז אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס מֵיינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דָאס אִיז זִיכֶער אַז אִיר אַלֶע, מַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן חֲסִידִים זֶענְט אַוַודַאי אָנְגֶעוִויזְן אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶער אַפִילוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גֶעוָואנֶדְן אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה".



בילדער: ח. שטיינבערג




דֶער אַרְבֶּעטֶער קוּקְט אִיבֶּער אוּן זִיגְלְט אַלֶע פַּאפִּירְן. "דִי פַּאסְפָּארְט וֶועט זַיין גְרֵייט בִּיז צְוֶועלְף וָואכְן", הָאט עֶר גֶעזָאגְט.

"אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אִין צֶען וָואכְן פוּן הַיינְט," זָאגְט יוּדֶע'לֶע.

"וָואס קֶענֶען מִיר טוּן עֶס צוּ בַּאקוּמֶען שְׁנֶעלֶער?" הָאט טַאטִי גֶעפְרֶעגְט דֶעם אַרְבֶּעטֶער. עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט. "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶס אִיז דָא צוּ טוּן".

"אִיךְ וֵוייס!" הָאט יוּדֶע'לֶע גֶעזָאגְט. "מִיר וֶועלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז דִי פַּאסְפָּארְט זָאל פְלִיעֶן אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי אַן עֶרֶעפְּלַאן אַרַיין אִין אוּנְזֶער פָּאסְט קֶעסְטְל".

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים, דֶערְצֵיילְט טַאטִי וַוייטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וֶועגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אַפִילוּ אַ פַארְבְּלָאנְדְשֶׁעטֶע נְשָׁמָה, וָואס אֲפִילוּ אִיךְ אַלֵיין קֶען אִים בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט מְתַקֵן זַיין אַ גַאנְץ יָאר, אוֹיבּ עֶר קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ אִים אוֹיךְ מְתַקֵן זַיין, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ מַאכְן גְרוֹיסֶע תִּיקוּנִים וָואס אַ גַאנְץ יָאר קֶען אִיךְ נִישְׁט".

וואוּ טְרֶעפְט מֶען אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אַזַא צַדִיק וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע הַבְטָחָה, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן וֶועט בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין, דֶער וֶועט נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען פוּן דָארְט לֵיידִיגֶערְהֵייט, נָאר עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען יְשׁוּעוֹת רְפוּאוֹת אוּן פַּרְנָסָה?

אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס", "אִיךְ וואוּנְדֶער מִיר זֵייעֶר, וִויבַּאלְד מַיינֶע חַסִידִים גְלֵייבְּן דָאךְ אִין מִיר, פַאְרוָואס זָאלְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט צוּאַיילְן צוּ קוּמֶען צוּ מִיר...? קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן... מֶען דַארְף אוֹיסְרוּפְן פַאר יֶעדְן, אַז וֶוער עֶס וִויל מִיךְ צוּהֶערְן זָאל זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה... וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר, דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן..."

יוּדֶעלֶע'ס גְרוֹיסֶער בְּרוּדֶער יוֹסִי גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ צוּ פָארְן. "טַאטִי, מִיר הָאבְּן שׁוֹין טִיקֶעטְס פַאר דִי עֶרֶעפְּלַאן?" הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט.

טַאטִי שְׁמֵייכְלְט, "צוּ אוּמַאן קֶען מֶען נִישְׁט פָארְן מִיט אַ טִיקֶעט אוּן אַ פַּאסְפָּארְט, נָאר מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת. וֶוער עֶס וִויל אָנְקוּמֶען צוּ אוּמַאן דַארְף יֶעדְן טָאג בֶּעטְן, "הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז אִיךְ זָאל זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה."

יֶעדְן טָאג וֶוען יוּדֶע'לֶע קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר, פְרֶעגְט עֶר, "מַאמִי דִי פַּאסְפָּארְט אִיז שׁוֹין דָא?" מַאמִי עֶנְטְפֶערְט, "נֵיין צַדִיקְ'ל, עֶס וֶועט נָאךְ נֶעמֶען אַסַאךְ צַייט".

מַאכְט אַ בְּרָכָה אוֹיף אַן אַייסֶעס "שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס. עֶר קֶען אוֹיךְ מַאכְן אַז יוּדֶעלֶע'ס פַּאסְפָּארְט זָאל אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל.

יוּדֶעלֶע טְרַאכְט אַ גוּטֶע גֶעדַאנְק. "פְרֵיידִי אוּן שִׂמְחָה'לֶע, דִי אַייסֶעס הֵייסְט אוּמַאן אַייסֶעס, וֶוען מֶען עֶסְט אַ אוּמַאן אַייסֶעס דֶערְמַאנְט עֶס אוּנְז צוּ בֶּעטְן. מַאמִי גִיבְּט זֵיי אוֹיךְ אַ אוּמַאן אַייסֶעס אוּן זֵיי בֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז דִי פַּאסְפָּארְט זָאל פְלִיעֶן אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי אַן עֶרֶעפְּלַאן אַרַיין אִין דִי פָּאסְט קֶעסְטְל, אוּן טַאטִי, יוֹסִי, יוּדֶעלֶע אוּן אַלֶע אִידְן זָאלְן קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

**לֵיינְט וַוייטֶער קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם.**

## טרעף די וועג

כאפ ציך אריבער קיין אומאן צום רבינ'ס ציון



## א שטיקעלע ספר המדות

### הַכְנָסַת אוֹרְחִים

ב. עִיר שֶׁאֵין בָּהּ הַכְנָסַת אוֹרְחִים בָּאִים לִידֵי גִלּוּי עֲרָיוֹת, וְעַל יְדֵי גִלּוּי עֲרָיוֹת בָּא עֲלֵיהֶם הֲרִיגָה.

אַ שְׁטָאט וָואס מֶען נֶעמְט דָארְט נִישְׁט אַרַיין קַיין גֶעסְט, בְּרֶענְגְט דָאס אַז זֵיי זָאלְן טוּן הַארְבֶּע שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דִי עֲבֵירוֹת מַאכְט אַז זֵיי זָאלְן גֶע'הַרְגְ'ט וֶוערְן.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?




### ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "ווער ס'איז געווען ביי מיר אויף ראש השנה דארף זיין פרייליך א גאנץ יאר!"